# כוואליעס

אריגינעלער אידישער אינהאלט

גליון 1 - שבועות תשפ"ה

## אינהאלט


אווארט פון דער רעדאקציע 2

וועלכן לוח האבן אידן
גענוצט בזמן הבית? 4

אם הרב דומה למלאך 10

דער פאליטישער
באדייט אין מערת רשב"י 18

מיינע נאטיצן פון "אמעריקע" 28

די אידישע נעמען פאר די פלאנעטן 34

פַארוואָס די גענז האָבן געשריגן 40

מה ענין קוגל אצל הקאנסטיטוציע? 45

חודש סיון 48

פרעג דעם רב 50

מיסטעריעזע קמיעות 52













# א ווארט
# פון דער רעדאקציע



## בשישי ניתנו עשרת הדברות

מיר האלטן ביי דער זעקסטער "כוואליע", און תהילה לאל אז מיר גייען מחיל אל חיל. די ליינערשאפט וואקסט פון נומער צו נומער און מען הערט כסדר צוריק געוואלדיגע גרוסן פון ליינער איבער דער גארער וועלט.

מיר פובליצירן טאקע אונזער/אייער אויסגאבע אין א פי-די-עף פארמאט, אבער אויב ווילט איר האבן דעם פולן "כוואליעס" עקספעריענס דאן האנדלט אייך איין די הערליכע געדרוקטע אויסגאבע אויף אמאזאן, און גלייכצייטיג טוט איר דערמיט ארויסהעלפן דעקן א חלק פון די הוצאות פון דער אויסגאבע. נאך א מעלה פון קויפן די געדרוקטע אויסגאבע איז אז דאס ווערט אוועקגעלייגט אין שאפע און האפנטליך וועט דאס ווערן געליינט נאכאמאל און נאכאמאל דורך אייערע פאמיליע מיטגלידער און געסט.

אין דער "כוואליע" פאנגען מיר אן א נייע רובריק "חדשים וגם ישנים" אין וועלכע מיר דרוקן געקליבענע שרייבווערק פון איבער די יארן - סיי פון די ביכער פון אמאליגע צייטן און סיי פון איבער דעם היינטיגן מאדערנעם געוועב. דאסמאל האבן מיר אויסגעקליבן א זיסן סיפור פון יצחק באשעוויס-זינגער פון זיין ביכל "מיין טאטנ'ס בית-דין שטוב". הגם היינט איז גאר גרינג צו באקומען רוב פון די ארטיקלען אויפ'ן געוועב, זענען אבער רוב מענטשן פאריאגט און פארפלאגט מיט די טעגליכע הו-הא פונעם לעבן און מען קומט נישט אן זיך צו באקענען מיט אונזערע אידישע אוצרות אין א רואיגן מאמענט. מיר האפן מיט דעם מדור צו באקענען די ליינער מיט באקאנטע און אומבאקאנטע אידישע שרייבער פון אמאל און היינט.

פאר שמועסן איבער ארטיקלען אין דער יעצטיגער אדער פריערדיגע אויסגאבעס באזוכט די דעזיגנירטע "כוואליעס" אפטיילונג אויפ'ן "קרעמל" וועבזייטל:

https://kraimel.community.forum/search-forums/chvalyes/

די קומענדיגע אויסגאבע וועט אי"ה ערשיינען מאנטאג פרשת קרח כ"ז סיון, לכבוד זומער. דער דעדליין אריינצושיקן ארטיקלען איז מאנטאג פרשת בהעלותך י"ג סיון.

א פרייליכן יום טוב!

ליינט מיט הנאה,

די רעדאקציע



## רעדאקציע אינפארמאציע

צו באקומען די קומענדיגע אויסגאבעס אין אימעיל ביטע שרייבט
אייך איין אויף דעם פאלגנדן לינק:
https://lp.constantcontactpages.com/sl/832nQLo

איר קענט אונז נאכפאלגן אויף טעלעגראם און X
מיט דעם הענטל @chvalyes

זיך צו פארבינדן מיט דער רעדאקציע ביטע שיקט אן אימעיל צו
chvalyes1@gmail.com
אדער שיקט א הודעה צו אונזער "כוואליעס" ניק אויף "קרעמל"

סקען דעם QR קאוד פאר
אלע אויבנדערמאנטע לינקס:

# וועלכן לוח האבן אידן גענוצט בזמן הבית?



דורך: פעדער

אין די ספרי תנ"ך ווערן געברענגט אן א שיעור דאטומען פון געשעענישן און פאסירונגען, ווען זיי זענען פארגעקומען, וועלכן טאג, חודש און יאר. אבער מען געפינט נישט אין תנ"ך קיין רעפערענס צו א ספעציפישן לוח וועלכער איז געווען אין דינסט אין יענע צייטן.

## דער אידישער לוח

טראדיציאנאל ווייסן מיר אז אידן ציילן די יארן און רעכענען די ימים טובים מיט דער זון און לבנה אינאיינעם. דאס ווערט אנגערופן א הייבריד קאלענדאר, און עס ווערט גערופן אזוי צוליב דעם וואס דער לוח - וואס מיר ניצן ביז היינט צוטאגס - באשטייט פון א צוזאמרעכענונג פון דער זון און דער לבנה.

## פארשידנארטיגע קאלענדארן

ווען מ'קוקט צוריק אויף די קאלענדארן וועלכע זענען באניצט געווארן דורך די פעלקער אין די אור-אלטע צייטן, זעען מיר אז פעלקער פלעגן זיך באניצן מיט א לוח וועלכער האט דירעקט רעפלעקטירט זייערע גלויבונגען, מיטאלאגיעס און רעליגיעס.

דאס מצרי'שע פאלק פלעגט זיך באניצן מיט א זון-לוח, וועלכער איז געלאפן לויט דעם גאנג פון דער זון און לויט די סעזאנען פון יאר. דאס יאר פלעגט האבן 356 טעג, און האט נישט פארמאגט קיין מאנאטן געוואנדן אין דער לבנה. די זון שפילט א גרויסע ראלע אין מצר'ישער מיטאלאגיע; די געטשקע וואס רעפרעזענטירט די זון שטייט אין א הויכער פאזיציע אין דעם מצרי'שן פּאַנטעאָן.

די מעסאפאטאמישע פעלקער דאגעגן, פלעגן דינען די לבנה, און דאס האט זיך אפגעשפיגלט אין דעם וואס זייער לוח פלעגט זיך הויפטזעכליך ווענדן אין דער לבנה, און נישט אזויפיל אין דער זון. די לבנה איז געווען פאררעכנט אלס די הויפט געטשקע דורך די כשדים אין אור, וואו די געטשקע איז גערופן געווארן נַאנַא, און אין צפון פון מעסאפאטאמיע, אין דער שטאט חרן, וואו עס איז גערופן געווארן סין. געוויסע האבן אפילו געציילט די יארן לויט דעם חודש, וואס דאס האט געמיינט אז יעדער חודש איז געווען א ניי יאר, און אלס רעזולטאט האבן מענטשן געלעבט לאנגע יארן. (מאנכע ווילן גאר טענה'ען אז די יארן פון די עשרה דורות פון אדם ביז נח, זענען אייגנטליך לבנה-יארן, וואס דאס גיבט א מער רעאליסטישע צאל צו די יארן וואס זיי האבן געלעבט.)

אינטערעסאנט איז אז די צוויי שטעט זענען די זעלבע שטעט וואס די אבות האבן געקענט. סיי אברהם וועלכער איז געקומען פון אור כשדים, און סיי יעקב וועלכער האט געוויילט אין חרן פאר א לענגערער צייט, זענען געקומען אין בארירונג מיט פעלקער וועלכע האבן געדינט די לבנה.



## דער לוח וועלכער ווערט געניצט אין דער תורה

עטליכע מאל דורכאויס זיין פירוש על התורה ברענגט דער אבן עזרא נאך פון "יהודה הפרסי", וועמען ער באהאנדלט מיט רעספעקט, וועלכער האט געהאלטן אז די דאטומען אין דער תורה ווערן גערעכנט נאר לויט דער שנת החמה. א ביישפיל דערצו איז אויפ'ן פסוק "החודש הזה לכם" אין פרשת בא. דער אבן עזרא ברענגט א לענגערע ערקלערונג אויפ'ן ארט אפצואווענדן זיין שטאנד, אבער עס איז פארט אינטערעסאנט אז דער רבי יהודה הפרסי האט אזוי געהאלטן. דער אבן עזרא דערמאנט אים בלויז אויף צו פארטיידיגן זיין אייגענעם שטאנד אז די תורה רעכנט די יארן לויט ביידע, אזוי ווי מיר רעכענען.

## דאס מחלוקת קעגן די בייתוסים איבער דעם באדייט פון "ממחרת השבת"

אין מגילת תענית ווערט געברענגט א יו"ט וועלכער ציט זיך פון ח' ניסן ביז פסח, אין אנדענק וואס אין די טעג האבן די חכמים ענדגילטיג באוויזן צו באזיגן די בייתוסים אין דעם קאמף איבער ווען עס איז די ריכטיגע צייט צו ברענגען דעם עומר. די גמרא אין מנחות (ס"ה ע"ב) ציטירט טאקע א דיאלאג וואס רבי יוחנן בן זכאי האט געהאט מיט די בייתוסים דערוועגן.

די בייתוסים זענען געווען א גרופע אידן אין דער צייט בעפאר און קורץ נאך דעם חורבן פונעם צווייטן בית המקדש, וועלכע האבן געהאלטן אז דער עומר דארף געברענגט ווערן אויף א זונטאג, נאכ'ן אפטייטשן דעם פסוק "ממחרת השבת יניפנו הכהן" אינעם בוכשטעבליכן זין.

די גמרא זוכט צו פארטיידיגן דעם שטאנד פון די פירושים, וועלכע האבן געהאלטן אז דער עומר דארף געברענגט ווערן דעם צווייטן טאג פון יו"ט פסח, און ברענגט א רייע אפווענדונגען אויף דעם

פשט פון די בייתוסים. פון די אלע אפוועגדונגען איז די גמרא צום סוף צופרידן בלויז מיט צוויי. דאס ווייזט אז עס איז נישט געווען אזוי פשוט אפצופרעגן דעם טייטש וואס קומט ארויס פון איינפאך אפלערנען דעם פסוק.

עס ליגט דא געוויס א טיפערע פרייד איבער א שטערקערן, מער באדייטפולן זיג וואס די חכמים, אדער 'פרושים' וויאזוי זיי האבן זיך גערופן אין יענער צייט, האבן באוויזן צו פייערן קעגן זייערע קעגנער - די בייתוסים און אנדערע סעקטעס אינערהאלב דער אידישער געמיינדע, וועלכע האבן זיך געפירט לויט א געוצליך אנדער לוח פון וואס די חכמים האבן געהאט מקבל געווען בעל פה.

## דער לוח אין ספר היובלים

איינס אזא לוח איז דער לוח וועלכער ווערט ברייט באשריבן אין ספר היובלים. ספר היובלים איז א ספר אויף ספר בראשית פון דער תורה, וועלכע באשרייבט אלע געשיכטעס און לייגט צו פיל דעטאלן וואס מיר קענען פון מדרשים און אנדערע פלעצער. דער ספר איז געשריבן געווארן ערגעץ אינמיטן דער תקופה פון בית שני אויף לשון הקודש. דער אריגינעלער נוסח דערפון איז פארלוירן געווארן, און בלויז פרעמדע איבערזעצונגען דערפון זענען אפגעהיטן געווארן, צעשפרייט אין עטליכע ערטער. די אידן אין עטיאפיע האבן געהאט א פולקאמע ווערסיע פון דעם ספר געשריבן אויף זייער שפראך, געעז, און דאס איז די איינציגע פולע ווערסיע פון דעם ספר וואס האט איבערגעלעבט.

צווישן די פיל דעטאלן און מדרשים וואס ווערן דארט געברענגט, ווערט דארט צוגעלייגט צו כמעט יעדער פאסירונג, א דאטום ווען עס האט פאסירט. דער ספר ציילט די שמיטות און יובלים וועלכע זענען פארלאפן פון בריאת העולם ביז יציאת מצרים, און איינוועגס באשרייבט ער די רעכענונג פון די ימים טובים ווי פאלגנד:




ספר היובלים

*ואתה צו את בני ישראל ושמרו את השנים על פי המספר הזה ארבעה ושישים יום ושלוש מאות יום. והיה שנה תמימה, ומספר מפקד ימי השנה ומועדיה לא ישחת. כי הכל בוא יבוא בה כפי אשר הועד עליו, ולא יעברו כל יום ולא יחללו כל מועד.*

לויט'ן ספר היובלים, און אזוי זענען מיר אויך אין די מגילות וועלכע זענען געפונען געווארן ביים ים המלח אין קומראַן, איז אט דער לוח געפארן בלויז לויט דער זון, אדער די סעזאנען פון יאר. א יאר איז באשטאנען פון 364 טעג, וואס דאס איז פונקט 52 וואכן, וואס מיינט אז יעדער יו"ט האט געהאט זיין באשטימטן טאג אין וואך ווען עס איז געפאלן יעדעס יאר.

דער יאר איז געווען איינגעטיילט אין פיר סעזאנען, און יעדער סעזאן האט געהאט דריי חודשים. די חודשים האבן זיך נישט געוואנדן אין דער לבנה, נאר יעדער חודש איז באשטאנען פון 30 אדער 31 טעג לויט דעם פאלגנדן סדר: דער ערשטער חודש אין סעזאן האט געהאט 30 טאג, דער צווייטער חודש 30, און דער דריטער חודש 31. צוזאמען איז דאס 91 טעג פאר יעדן סאזאן, וואס איז פינקטליך 13 וואכן.

דאס מיינט אז יעדער דריטער חודש, וועלכער איז דער אנפאנג פון דעם נייעם סעזאן, האט זיך אנגעהויבן אויפ'ן זעלבן טאג אין וואך, און יעדעס יאר האט זיך אנגעהויבן דעם זעלבן טאג אין וואך. וועלכער טאג דאס איז געווען, ווערט נישט קלאר דערמאנט, אבער געוויסע ווילן זאגן אז דאס איז געווען אויף א מיטוואך, וויבאלד דאן זענען די מאורות באשאפן געווארן אין ששת ימי בראשית.

לויט דעם חשבון איז ראש השנה שטענדיג געפאלן אויף א מיטוואך, יום כיפור אויף א פרייטאג, און דער ערשטער טאג סוכות אויף א מיטוואך. ראש חודש חשון איז אייביג געפאלן פרייטאג, כסלו - זונטאג, טבת, וואס איז דער אנפאנג פון דעםווינטער סעזאן, איז ווידער געפאלן אויף מיטוואך. שבט איז געפאלן פרייטאג, אדר - זונטאג, און ניסן ווידער מיטוואך. דאס מיינט אז דער ערשטער טאג פסח איז אייביג געווען אויף א מיטוואך, און דער עומר איז לויט זיי געברענגט געווארן זונטאג נאך פסח וואס דאס איז כ"ו ניסן.

פון דאן האט מען געציילט ניין און פערציג טעג און דער פופציגסטער טאג איז געווען שבועות, וואס דאס איז געווען זונטאג ט"ו סיון. דאס מיינט אז שבועות איז געפאלן אינמיטן א חודש פונקט ווי פסח און סוכות. אויסער ספירת העומר האבן זיי געציילט פון שבועות נאך ניין און פערציג טעג ביז "מועד התירוש", ווען די טרויבן ווערן געצייטיגט, און דאן נאכאמאל ניין און פערציג טעג ביז "מועד היצהר", ווען די איילבירטן צייטיגן.

עס קומט אויס לויט דעם, אז א יו"ט איז קיינמאל נישט געפאלן אויף א שבת. זיי האבן געלערנט אין דעם פסוק אין אמור "מלבד שבתותיכם" אז יו"ט און שבת קענען נישט געפאלן צוזאמען אויף איין מאל.

ספר היובלים שרייבט איבער די וואס פאלגן נאך די לבנה אויף צו רעכענען די ימים טובים, ווי פאלגנד:

*והיו אנשים אשר יביטו בירח, הוא משחית את הזמנים, ויקדים עשרת ימים בכל שנה ושנה. ולכן ישחיתו את השנים בימים הבאים, ועשו יום שוא ליום העדות, ויום בלתי טהור ליום המועד.*

עס איז וויכטיג צו באמערקן אז אט דער לוח איז זייער נישט אקוראט, וויבאלד עס איז אייגנטליך פארהאן 365 טעג אין א זון-יאר, וואס דאס איז א גאנצער טאג מער יעדעס יאר. דאס מיינט אז נאך עטליכע יאר פاררוקן זיך די ימים טובים פון זייער אריגינעלן סעזאן. דעריבער ווילן מאנכע זאגן אז דער לוח האט קיינמאל נישט פאקטיש געדינט און עס איז בלויז געווען אן אידעאלער לוח. עס איז אבער גאנץ מעגליך אז איינמאל אין עטליכע יאר האט מען צוגעלייגט עטליכע טעג אדער וואכן אויסצוגלייכן דעם לוח לויט ווי עס האט זיך אויסגעפעלט.

## חודש, ירח און שנה

דער טערמין 'חודש' ווערט פיל מאל דערמאנט אין תנ"ך, און אזוי אויך דער טערמין 'שנה'. חודש שטאמט פון דעם ווארט 'חדש' - באנייאונג, און שנה באדייט עפעס וואס חזר'ט זיך איבער, נעמליך, א מחזור. דעריבער ווערט דאס ווארט שנה געניצט פאר א יאר, בעיקר א טראפיש יאר ווען די סעזאנען חזר'ן זיך איבער, און דאס ווארט חודש איז פאר א מאנאט ווען די לבנה ווערט באנייט.

אין דער תורה ווערן די מאנאטן אנגערופן חדשים אין מערסטנס פעלער, און אין געוויסע פלעצער ווערן זיי אנגערופן ׳ירח׳, אזוי ווי דער פסוק ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים, וואס דארט מיינט די תורה ארויסצוברענגען א באשטימטן צייט-אפשניט - די לענג פון א חודש - אבער נישט קיין ספעציפישע דאטומען. דער נאמען ׳ירח׳, וואס באדייט לבנה, איז זיכער על שם וואס די לבנה באשטימט די לענג פון א חודש.

## די לענג פון א יאר אין דער תורה

עס איז אויך עטוואס אינטערעסאנט אנצוצייגן אז אין עטליכע פלעצער אין דער תורה זעען מיר אז א יאר ציט זיך מיט צען טעג מער אדער ווייניגער. דער מבול האט זיך אנגעהויבן י״ז אייר (אדער מרחשון), און איז געקומען צו א געענדיגטן (פארענדיקטער) ענדע אין כ״ז אייר (אדער מרחשון) א יאר שפעטער. דא זעען מיר אז עס האט גענומען א יאר מיט צען טעג.

ביי דעם צייט-אפשניט וואס אידן האבן געוויילט אין סיני נאך יציאת מצרים זעען מיר א פארקערטע ערשיינונג; זיי זענען אנגעקומען ראש חודש סיון און האבן געוויילט דארט ביז כ׳ אייר א יאר שפעטער. געוויסע ווילן אנווייזן אויף די צוויי ערשיינונגען אז ביידע זענען געווען פונקט א יאר, נאר די צען טעג זענען צוגעלייגט געווארן עס צוצופאסן צום שנת החמה, לויט וויאזוי מען האט דאן געציילט, אדער מעגליך פארקערט, די פעלנדע צען טעג איז וויבאלד עס איז א פולע שנת לבנה. דאס טוט מעגליך צייגן אז עס איז נישט געווען איין באשטימטער וועג ווי אזוי מען האט גערעכנט די יארן.

אינטערעסאנט איז אז ווען דער פסוק שילדערט אין בראשית דעם באשאף פון די מאורות אין זייער אפקלאנג אויף דער מענטשליכער רעכענונג, ווערן נישט דערמאנט די חודשים, בלויז ״והיו לאותות ולמועדים ולימים ושנים״. כאטש וואס דאס ווארט ׳מועדים׳ קען ווערן אויסגעטייטשט ווי דער פסוק באציעט זיך צו די פאזעס פון דער לבנה, וועלכע צייגן אן ווען דער מועד זאל זיין, ווערט עס אבער נישט קלאר ארויסגעשריבן.

אויסער ספר יובלים האבן מיר אויך דעם ספר חנוך, וועלכער איז נאך איינער פון די ספרים חיצוניים וועלכע זענען נישט אריינגענומען געווארן אין די ספרי תנ״ך. דער ספר שילדערט פיל געשיכטעס וועלכע מיר קענען פון מדרשי חז״ל, און אזוי אויך ווערט דארט געברענגט אז די לענג פון א יאר איז דריי הונדערט פיר און זעכציג טעג.




דער אריינגאנג צום היינטיגן קראי׳שן צענטער אין אלט-שטאט ירושלים



א שומרוני'ישער ביהמ"ד אין נווה פנחס געגנט אין שטאט חולון

## די קאלענדארן פון די שומרונים און די קראים

די שומרונים זענען א קליינע גרופע אידן וועלכע זיצן צופוסנס פונעם הר גריזים אין שומרון, און האלטן זיך פאר אייניקלעך פון די שבטים אפרים און מנשה, מיט אביסל כוהנים און לוויים וועלכע זענען נישט פארטריבן געווארן דורך סנחריב מלך אשור. זיי זענען די וואס מיר רופן 'כותיים', דאס איז א פאלק וואס סנחריב האט געשטעלט אין פלאץ פון די עשרת השבטים, וואס איז געקומען פון כותא אין ארם.

צו ערגענצן דעם ארטיקל איז אינטערעסאנט צו באטראכטן דעם לוח וואס אט די שומרונים ניצן. זייער לוח איז נישט צופיל אנדערש פון דאס וואס מיר ניצן, דאס הייסט אז עס גייט סיי לויט דער זון און סיי לויט דער לבנה. די אויטאריטעט צו רעכענען די יארן ליגט אויסשליסליך אין די הענט פון די כוהני הדת, וואס זיי זענען די פירער פון פאלק.

די איינציגע חילוקים זענען אז זיי האבן נישט די ארבעה דחיות, דאס מיינט אז ראש השנה קען געפאלן סיי וועלכן טאג אין וואך, און אזוי אויך לערנען זיי דעם "ממחרת השבת יניפנו הכהן" אזוי ווי עס קומט ארויס פון פשוט פשט, וואס דאס איז דער שבת נאך דעם ערשטן טאג פסח, נעמליך, שבת חול המועד, און שבועות איז זיבן וואכן שפעטער. נאך א חילוק איז אין דעם וועג וויאזוי זיי זענען מְעַבֵּר די יארן: אנדערש פון אונז וואס מיר זענען מעבר זיבן יאר פון יעדע ניינצן יאר, זענען זיי מעבר עלף יאר פון א מחזור פון ניין און דרייסיג יאר.

ביי די קראים איז דער עצם לוח נאך ענליכער צו אונזער לוח, אויסער די פיר דחיות פון ראש השנה און ווען עס געפאלט שבועות וואס ביי זיי געפאלט עס אויף א זונטאג, אזוי ווי די שומרונים. אזוי אויך קוקן זיי יעדן חודש ווען די לבנה ווערט געזען צו מקדש זיין דעם חודש ע"פ הראייה.

*

עס לאזט זיך זאגן אז צום ערשט איז נישט געווען קיין קלארער קאנצענזוס איבער וויאזוי צו רעכענען דעם קאלענדאר און די תורה האט עס מיט כוונה איבערגעלאזט אין די הענט פון בית דין אז זיי זאלן באשליסן דערוועגן. אזוי ווי מיר זענען אייגנטליך אין משניות ראש השנה: "אֵלֶּה מוֹעֲדֵי יְיָ מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם - בֵּין בִּזְמַנָּן בֵּין שֶׁלֹּא בִּזְמַנָּן, אֵין לִי מוֹעֲדוֹת אֶלָּא אֵלּוּ."

עס קען אפילו זיין אז אין געוויסע תקופות האבן די אידן געניצט אנדערע לוחות ביז ווען די אידן זענען צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל נאך גלות בבל, ווען צוזאמען מיט די נעמען פון די חודשים האבן זיי אויך מיטגעברענגט די חכמה פון רעכענען די חודשים לויט דער לבנה איניינעם מיט דעם יאר לויט דער זון - א חידוש וואס, היסטאריש גערעדט, האבן די בבליים ערפונדן.

און אויף דעם ענדיגן מיר צו די ברכה פון יו"ט "מקדש ישראל והזמנים" - ישראל, דקדשינהו לזמנים. (ברכות מ"ט ע"א) ■

# אם הרב דומה למלאך

דורך: הרב פנחס אליעזר הלוי דונר



## פראלאג

מיט בערך דרייסיג יאר צוריק, האט זיך רבי זלמן לעווין פון אלבאני אראפגעזעצט פאר א פארמאלן אינטערוויו מיט א נאנטן פריינט און פארערער. ער איז געווען באוואוסטזיניג צום טעיפ רעקארדער וואס האט אפגעכאפט יעדעס ווארט זיינעם, אבער דאס האט אים נישט אפגעהאלטן פון זיין אפנהארציג איבער די איבערלעבענישן פון זיין מערקווירדיג לעבן.

אין דעם ארטיקל, טוט דער באקאנטער אידישער היסטאריקער, הרב פיני דונר פון בעווערלי הילס, קאליפארניע, פרעזענטירן א טיילווייזער טראנסקריפט פון אט דעם היסטארישן אינטערוויו, און טוט אונז באקענען מיט איינעם פון די גרעסטע תלמידי חכמים, אין נגלה און נסתר, פון דער דעמאלטיגער אמעריקע, וועלכער איז אויך דער זון פון איינעם פון די באקאנטע רבנים אין אמעריקע וועמענ'ס איינפלוס שפירט זיך נאך ביז היינט.

הרב רפאל זלמן הכהן לעווין איז געבוירן געווארן אין איליע, א שטעטל נעבן ווילנא, וועלכע איז דאן געווען א חלק פון דער רוסישער אימפעריע. דאס יאר איז געווען תר"ס.

ר' זלמן איז געווען א וואונדער-קינד. זיין ערשטער לערער איז געווען זיין געשעצטער פאטער, הרב חיים אברהם דובער הכהן לעווין, וועלכער האט באקומען הוראה פון הרב יצחק אלחנן ספעקטאר פון קאוונע. ר' חיים אברהם דובער איז מער באקאנט מין זיין צונאמען "דער מלאך". ער איז געווען אן איינפלוסרייכער רב וועלכער איז געווען דער פיאנער פון אמת'ן חסידות און פייערדיגער יראת-שמים אויפ'ן אמעריקאנער באדן - לאנג איידער דער שטראם פון חסיד'ישע רבי'ס און אייראפעאישע ראשי-ישיבות האט דערגרייכט אמעריקע אין דער תקופה ארום דער צווייטער וועלט-קריג.

דער מלאך האט שטרענג נאכגעפאלגט דעם דרך הלימוד פונעם מהר"ל אינעם חינוך פון זיין איינציגן זון, אויפבויענדיג צוביסלעך זיינע ידיעות אין תורה - פון תנ"ך ביז משניות און גמרא. פיל יארן שפעטער, א לאנגע צייט נאך וואס ר' זלמן איז געווען דער זון-תלמיד פון זיין פאטער, האט דער מלאך נאכאלץ געשריבן מוסר בריוו צו ר' זלמן, אין א פרואוו אים מדריך צו זיין און פארעמען זיין אמונה אין דעם ספיריטועלן מדבר שממה פון דער דעמאלטיגער אמעריקע. די בריוו זענען פובליצירט געווארן אין א ספר גערופן "אוצר אגרות קודש", מיט געקליבענע בריוו אין לשון-קודש און אידיש, פון טאטן צו זון, אנגעהויבן פון די שפעטע 1920'ער יארן ביז 1937.

די תורה וואס ר' זלמן האט געלערנט דורכאויס זיין לעבן איז אייביג פארבליבן צוגענגליך צו אים דורך זיין פענאמענאלן זכרון. ווען ער איז נאך געווען גאר יונג, נאך איידער ער האט געקענט ליינען, האט זיין פאטער אים געלערנט זיך אפצושטעלן פאר פינף מינוט, עטליכע מאל דורכאויס'ן טאג, און איבערגיין און זיך מצייר זיין אין קאפ אלעס וואס ער האט געזען אין די לעצטע פאר שעה. ווען ער איז עלטער געווארן און אנגעהויבן ליינען פליסיג, האט אט די איבונג זיך אויסגעברייטערט אריינצורעכענען מצייר צו זיין די בלעטער וואס ער האט געלערנט, און זיי איבערליינען פון זכרון. אזוי האבן די פינף-מינוטיגע סעסיעס אריינגענומען אין זיך אלעס וואס ער האט געהערט און געטראכט זינט דער פריעדיגער סעסיע, און דערנאך די פריערדיגע סעסיע, און אזוי ווייטער.

ר' זלמנ'ס מערקווירדיגער זכרון האט אויך געמיינט אז ער האט געדענקט פינקטליכע דעטאלן פון יעדער פאסירונג וואס האט נאר פאסירט מיט אים. זיין לעבנס-געשיכטע האט זיך אויסגעשפרייט אויף אסאך אנדערע וועלטן, פון וועלכע דאס רוב האט שוין נישט עקזיסטירט ווען ער האט זיי דערציילט מיט אלע דעטאלן. פון ראדין, צו קאמעניץ, צו דער אמעריקאנער ארטאדאקסישער געמיינדע איידער דער וועלט-קריג - ער האט זיי אלע געדענקט מיט אן אויסנאמליכער קלארקייט, און ער האט זיך געפרייט מיטצוטיילן די זכרונות מיט תלמידים און פריינט, אזוי אז די באדייטפולע זכרונות וועלן ווייטער אינספירירן דעם קומענדיגן דור.

ר' זלמן האט זיך געצויגן קיין אמעריקע צוזאמען מיט זיין פאטער און שוועסטער. זיינע אנדערע שוועסטערס האבן שוין געהאט אימיגרירט קיין אמעריקע נאך פאר דעם, און מיט דער צייט האבן זיי צוריקגעשיקט געלט קיין אייראפע אז דער מלאך און די איבריגע פאמיליע מיטגלידער זאלן אויך קענען אימיגרירן. דער מלאך, זיין זון און טאכטער האבן דערגרייכט




מצבה פון הרב רפאל זלמן הכהן לוין (ה' תר"ס – תשנ"ב)
קרעדיט: kevarim.com



דער "מלאך" רבי חיים אברהם דב הכהן לוין
(ה' תר"כ – תרצ"ח)

ניו יארק אין חשוון תרפ"ד. אין יענער צייט איז שוין ר' חיים אברהם דובער געווען באקאנט אלס "דער מלאך", א נאמען אים געגעבן דורך "דער אלטער פון סלאבאדקע" אין אנערקענונג צו זיין פעאיגקייט צו לערנען תורה פאר טעג נאכאנאנד כמעט אן עסן אדער שלאף.

אין אמעריקע איז דער מלאך שנעל באקאנט געווארן, און איז צוביסלעך געווארן געשעצט און נאכגעפאלגט דורך אן איבערגעגעבענער גרופע פון בחורים פון ישיבת תורה ודעת. די תלמידים זענען שפעטער באקאנט געווארן אלס די "מלאכים", און זיי זענען געווען איינע פון די ערשטע פראדוצירט-אין-אמעריקע חסיד'ישע גרופעס מיט זייער אייגענעם רבי'ן. אין אנהייב האבן זיי געוואוינט אין די בראנקס, און שפעטער האבן זיי זיך געצויגן קיין וויליאמסבורג. נאך וואס דער מלאך איז אוועק אין תרצ"ח, פלעגן די תלמידים פארן קיין אלבאני, וואו ר' זלמן האט געוואוינט, צו בלייבן פארבונדן מיט זייער רבי'ן דורך זיין איינציגן זון. ווען די יארן זענען פארלאפן, זענען זייערע קינדער, אייניקלעך, און דערנאך אפילו אור-אייניקלעך, אויך געקומען פארברענגען מיט ר' זלמן.

ר' זלמן האט אויך צוזאמגענומען לאקאלע יונגען אין אלבאני, און געלערנט מיט זיי תורה. ער האט זיי געשטארקט אין זייער אידישקייט און איבערגעלאזט א לעבנסלענגליכע השפעה אויף זיי. ער האט אויך געלערנט מיט ערוואקסענע פון דער קהילה, פארמירנדיג גרופעס פון ערפארערנע געלערנטע און יונגע סטודענטן. דער צירקל ארום ר' זלמן האט געקענט ארייננעמען א סטודענט, פראפעסאר, דאקטער, סייענטיסט און אדוואקאט, אדער אפילו א רב וואס איז געקומען צייטווייליג קיין אלבאני איידער'ן זיך אוועקציען צו א גרעסערער קהילה. יעדער האט געוואלט לערנען פון ר' זלמן און טרינקען פון זיין קוואל.

אויסער זיין גרויסן פאטער האט ר' זלמן געהאט נאך גרויסע רבי'ס פון די גדולי אייראפע איידער'ן קומען קיין אמעריקע. הרב אליעזר ראבינאוויטש, דער "מינסקער גדול", האט געזאגט אז ר' זלמן האט "פיל געהארעוועט אין תורה" אין יענע יארן. הרב רפאל שפירא, דער ראש ישיבה אין וואלאזשין און איידעם פונעם נצי"ב האט געשריבן אז ר' זלמן איז "אנגעפולט מיט ... גמרא און פוסקים". איינער פון די רבנים וועלכער האט אונטערגעשריבן פארשידענע פון ר' זלמנ'ס סמיכות איז געווען דער רב פון בריסק, הגאון ר' חיים סאלאווייטשיק. די זעלבע סמיכה איז שפעטער אונטערגעשריבן געווארן דורך הרב חיים עוזר גראדאנסקי פון ווילנא.

ר' זלמן האט געלערנט אין קאמעניץ ביי הרב ברוך בער לייבאוויטש, פון די הויפט תלמידים פון ר' חיים בריסקער. זייט ביי זייט מיט זיין געהויבענעם פאטער, האט ר' זלמן פארערכענט ר' ברוך בער אלס זיין רבי מובהק - ער האט אים געערט און געשעצט זיין גאנץ לעבן. אפילו אין אמעריקע איז ר' זלמן געבליבן פארבונדן מיט ר' ברוך בער, וועלכער האט פארערכענט זיין געאגראפיש-ווייטן שילער אלס א נאנטער, איבערגעגעבענער תלמיד. דורכאויס ר' ברוך בער'ס באזוך אין אמעריקע אין 1929, איז ער איינגעשטאנען ביי ר' זלמן פאר צען טעג אין אלבאני, צו וואו ר' זלמן האט זיך געצויגן יענע יאר נאכ'ן הייראטן די טאכטער פון דעם רב פון אלבאני, הרב אברהם יעקב הלוי הורוויץ. ער האט געוואלט בלייבן נאנט צו איר פאמיליע, און ר' זלמן האט זיך לכבודה אהינגעצויגן, וואו ער איז שוין פארבליבן פאר דער רעשט פון זיין לעבן.

דורכאויס ר' ברוך בער'ס וויילונג אין אלבאני האט ר' זלמן געהאט די געלעגנהייט צו פארברענגען מיט זיין געערטן רבי'ן. זיי האבן אסאך פארברענגט מיט שפאצירן ארום אלבאני'ס הערליכער "וואשינגטאן פארק לעיק" וואו זיי האבן פיל

גערעדט אין לערנען און איבער'ן לעבן. דורכאויס זיינע יארן אין קאמעניץ האט ר' זלמן אויך אנטוויקלט א נאנטע פריינטשאפט מיט הרב ראובן גראזאווסקי, ר' ברוך בער'ס איידעם און נאכפאלגער אלס ראש ישיבה. נאך דער צווייטער וועלט-קריג, ווען ר' ראובן האט זיך באזעצט אין ניו יארק, האבן די צוויי ווידער באנייט זייער פריינטשאפט. צווישן אנדערע אמעריקאנער גדולים מיט וועמען ר' זלמן האט געהאט א נאנט שייכות איז געווען הרב משה פיינשטיין און הרב פנחס הירשפרונג פון מאנטריאל.

נאך דער פובליקאציע פון דער צווייטער אויפלאגע פון "אוצר אגרות קודש", וועלכע אנטהאלט נאך שטרענגערע דברי מוסר ווי די בריוו אין דער ערשטער אויפלאגע, האט אן איבערראשטער ליינער געפרעגט ר' זלמן פארוואס ער האט אפגעהיטן די הארבע בריוו אנשטאט זיי אוועקווארפן. "אויב וואלסטו געהאט א טאטן ווי מיינער," האט ר' זלמן געענטפערט, "וואלסטו דאס נישט געפרעגט..."

ר' זלמן האט דאן מסביר געווען ווי שטארק ער האט געליבט זיין פאטער, און ווי גוט ער האט געוואוסט אז זיין פאטער ליבט אים. דעריבער האט ער שטארק געשעצט אלעס וואס זיין טאטע האט אים געשריבן און פון אים געמאנט. ער האט דאן צוגעלייגט אז די בריוו וואס זענען געדרוקט געווארן זענען מילד קעגן די בריוו וואס זענען געווען "שארפער; די גוטע סחורה" וואס ער האט דאס זעלבע געשעצט אבער האט זיך צוריקגעהאלטן פון זיי דרוקן. נאכדעם האט ר' זלמן טאקע פובליצירט א טייל פון "די גוטע סחורה" אין דער דריטער אויפלאגע, כאטש געוויסע בריוו זענען נאכנישט געדרוקט געווארן ביז'ן היינטיגן טאג.

ר' זלמן איז אוועק ט' תמוז תשנ"ב, און איז באגראבן געווארן אין א פשוט'ן קבר אין דעם אידישן בית החיים אין אלבאני. זיין זכרון איז נישט פארגעסן געווארן, און זיינע אויסערגעוויינליכע געשיכטעס זענען וויכטיג צו ליינען כדי מיר זאלן ערשטהאנטיג פארשטיין די גרויסקייט פון ר' זלמן און די גדולים מיט וועלכע ער איז געווען בקשר דורכאויס זיין לעבן.

א דאנק פאר ר' ירמיהו לוקינס, א תלמיד פון ר' זלמן לעווין, פאר דער אינפארמאציע אין דעם פראלאג.

# אט זענען די ווערטער פון רבי זלמן לעווין:

## "א ישיבה בחור גייט נישט קיין אמעריקע!"

איך געדענק דעם חפץ חיים און די אנדערע גדולי ראדין, דער ראש ישיבה רבי נפתלי טראפ און דער משגיח רוחני רבי אליעזר קאפלאן.

איך בין געווען אויף א שבת אין ראדין. דער חפץ חיים איז שוין געווען עלטער און איז נישט געקומען אין ישיבה, אבער די ישיבה בחורים זענען געגאנגען צום חפץ חיים'ס שטוב וואו ער האט געגעבן א שמועס פאר די בחורים אין ענייני מוסר.

דער חפץ חיים האט מיך גוט געקענט, ווייל ער איז געווען א גאר נאנטער ידיד מיט מיין טאטן. ווען עס זענען געווען וויכטיגע אסיפות אין ווילנא פלעגט מיין טאטע זיך טרעפן מיט אים. זיי זענען ביידע איינגעשטאנען אין דעם זעלבן האטעל און דארט האבן זיי אסאך גערעדט. אמאל איז ער געקומען צו מיין טאטנ'ס אכסניא און אמאל איז מיין טאטע געגאנגען צו אים. זיי האבן אסאך גערעדט און זיך זייער גוט פארשטאנען. איך פלעג דאן באגלייטן מיין טאטן און ער האט מיך דערקענט.

נאך שבת בין איך אריין צום חפץ חיים און ער גיבט מיר זיין האנט מיט א ווארעמקייט און פרעגט, "רבי אליעזר האט אייך שוין מסדר געווען א סטאנציע?"

ער האט געמיינט אז איך בין געקומען בלייבן אין ישיבה, און דעריבער האט ער געפרעגט צי דער משגיח רוחני האט מיר צוגעשטעלט אן אכסניא.

אבער איך האב אים געזאגט, "איך וויל א ברכה, מיר פארן קיין אמעריקע..."

דער חפץ חיים נעמט צוריק זיין האנט, קוקט מיך אן און זאגט מיט א תקיפות: "ניין!"

איך בין געווען שאקירט, און דער חפץ חיים זאגט ווייטער, "א ישיבה בחור לאזט נישט איבער די ישיבה צו גיין קיין אמעריקע!"

איך האב אים געענטפערט, "איך גיי נישט אליין - מיין טאטע ציט זיך קיין אמעריקע און איך פאר מיט אים."

האט מיר דער חפץ חיים געזאגט: "אייער טאטע זאל טאקע פארן. ער וועט טון גוטס פאר אידישקייט אין אמעריקע. ווען מען וואלט מיך געלאזט וואלט איך אויך געפארן. אבער דו - נישט! א ישיבה בחור בלייבט אין ישיבה!"

דער חפץ חיים האט פארשטאנען אז איך האב שוין געמאכט אלע הכנות צו פארן האט ער מיר געזאגט: "גיי רעד צום משגיח רבי אליעזר, ער וועט אייך אלעס צושטעלן - בלייבט דא אין ישיבה!"

דער טאטע האט אויך נישט געוואלט אז איך זאל פארן, אבער מיט'ן טאטן האב איך מיך געקענט שפארן - מיט'ן חפץ חיים נישט...

איך האב געוואלט נעמען די באן אום זעקס אזייגער, אבער אז דער חפץ חיים איז נישט מסכים קען איך נישט פארן... בין איך געבליבן איבער נאכט.

איך בין געגאנגען רעדן צום משגיח און ער האט מיר געזאגט: "איך האב נישט קיין סאך צוצולייגן. דער חפץ חיים וויל נישט איר זאלט פארן..."

בין איך געגאנגען צום ראש ישיבה רבי נפתלי און זיך



באקלאגט פאר אים: "מיין טאטע פארט קיין אמעריקע מיט דער גאנצער משפחה, און איך פאר מיט, אבער דער חפץ חיים מאנט און פאדערט: א ישיבה בחור פארט נישט קיין אמעריקע."

רבי נפתלי'ס זון אברמ'ל איז געווען מיין חבר נאך פון ווילנא, און ער האט געבעטן דעם טאטן פאר מיר. האט רבי נפתלי געזאגט: "איך וועל פרובירן."

איז רבי נפתלי געגאנגען צום חפץ חיים צוזאמען מיט מיר און אים געזאגט, "רבי, עס איז דא א ישיבה אין אמעריקע!" ער האט געמיינט די ישיבה "רבינו יצחק אלחנן", היינט באקאנט אלס "ישיבה יוניווערסיטי".

רבי נפתלי האט נישט געוואוסט צי דער חפץ חיים ווייסט פון וועלכער ישיבה מען רעדט... אבער דער חפץ חיים האט געענטפערט: "איך ווייס פון דער ישיבה, און איך האף אז אין דער ישיבה וועט איר נישט גיין! "

איך האב דאס קיינמאל נישט דערציילט מיין טאטן. איך בין למעשה יא אריין דארט אין ישיבה, אבער נאך אסאך יארן פארשטיי איך אז דער חפץ חיים איז געווען גערעכט, איך וואלט נישט געדארפט אהינגיין!

## צייטן צוזאמען מיט גדולי ישראל

איך געדענק די גדולי ראשי הישיבות פון ליטא, רבי משה מרדכי עפשטיין פון סלאבאדקע און רבי שמעון שקאפ פון גראדנע. ווען זיי האבן באזוכט אין אמעריקע האבן זיי געזאגט א שיעור אין ישיבת רבינו יצחק אלחנן. רבי ברוך בער לייבאוויטש פון קאמעניץ איז געווען מער א קנאי און האט נישט געוואלט געבן קיין שיעור אין דער ישיבה. דער מייטשעטער עילוי, רבי שלמה פאליאטשעק, איז אים געקומען בעטן אבער ער האט נישט געוואלט געבן קיין שיעור.

איך בין דאן מיטגעגאנגען מיט'ן מייטשעטער אים לאדענען. רבי ברוך בער האט געפרעגט דעם מייטשעטער, "איר האט דאך אין ישיבה ראביי לעווין..." ער האט מיך געמיינט, און איך האב געהייסן "דער איליער". רבי ברוך בער זעט מיך דארט און רופט זיך אן: "וואס האט איר געטון צום איליער?! ער איז דאך געווען אמאל א תלמיד חכם! מען דארף רייסן קריעה וואס איר האט געטון צו אים!"

## מיין טאטע קומט קיין אמעריקע

מיין מוטער איז נפטר געווארן דריי יאר בעפאר מיר האבן זיך געצויגן קיין אמעריקע. מיר האבן געהאט גרויסע פראבלעמען אין אייראפע. עס זענען געווען שווערע אומשטענדן און מען האט מורא געהאט אז מען וועט מיך צווינגען צו גיין אין דער ארמיי, האט מען געטראכט פון זיך ציען קיין אמעריקע.



דריי פון דעם טאטנ'ס געשוויסטער האבן געוואוינט דא אין אמעריקע, מיין עלטסטע שוועסטער האט זיך שוין אריבערגעצויגן, און די משפחה האט געבעטן מיין טאטן מיך צו שיקן קיין אמעריקע.

אבער דער טאטע האט מיך נישט געוואלט שיקן אליין, האט ער מחליט געווען זיך צו ציען קיין אמעריקע מיך אפצוהיטן.

אין יאר תרפ"ג האבן מיר זיך געצויגן קיין אמעריקע - דער טאטע, מיין עלטערע שוועסטער און איך.

איך האב געהאט א שוועסטער און א שוואגער וואס האבן זיך געצויגן קיין אמעריקע פופצן יאר איידער מיר זענען געקומען. ער איז געקומען אהער ערליך און פרום, מיט בארד און פאות, אבער זיי זענען געווארן שנה ופירש'ניקעס, זיי האבן אפגעלאזט אידישקייט.

מיין טאטע האט זיך זייער געזארגט פאר מיין אידישקייט, אז אמעריקע זאל מיך נישט קאליע מאכן. איך געדענק, ווען איך בין געגאנגען לערנען אין ישיבה דא אין אמעריקע, האב איך באהאלטן מיינע פאות'לעך אונטער'ן קאפעל. ווען איך בין אהיימגעקומען צו מיין טאטן אויף שבת און ער זעט די פאות פארשטעקט, זאגט ער מיר, "איך האב דיך געשיקט לערנען קיין קאמעניץ צו רבי ברוך בער, ווייל איך האב געוואלט אז דו זאלסט אויסזען ווי רבי ברוך בער... דא זעסטו שוין נישט אויס ווי רבי ברוך בער!"

## אידישקייט אין אמעריקע

דער טאטע האט זיך באזעצט אין די בראנקס, אבער איך האב מיך אויפגעהאלטן ביי משפחה קרובים אין בארא פארק. היינט איז בארא פארק א אידישע שטאט, אבער אידישקייט האט נישט עקזיסטירט דעמאלט. שבת צופרי איז מען געגאנגען אין שול הערן א גרויסן חזן, חזנות איז געווען א גרויסער עסק, אבער אלע געשעפטן זענען געווען אפן אום שבת!

שפעטער האב איך מיך געצויגן קיין אלבאני. מיין טאטע איז מיר צוויי מאל געקומען באזוכן. ווען די אידן אין אלבאני האבן געהערט אז מיין טאטע, א חשוב'ער רב, קומט, זענען אפאר "אמעריקאניזירטע אידן", די חשוב'ע אידן פון שטאט... געקומען מקבל פנים זיין און שמועסן מיט מיין טאטן.

איך האב געהאט א גוי'אישן באקאנטן, דער זשעניטאר וואס האט גערייניגט דאס הויז וואו איך האב געוואוינט. ער האט געזען אז איך האב א גאסט, א רעספעקטירטער ראביי, האט ער געוואלט באגריסן מיין טאטן, און זיי האבן געהאט א קורצן שמועס. מיין טאטע האט נישט געקענט קיין ענגליש, און איך בין געווען דער איבערזעצער. נאכדעם האט מיר מיין טאטע געזאגט האלב ווערטלדיג: עס איז מיר ענדערש צו

רעדן מיט דעם רייניגער ווי מיט די עמי-הארצים... איך קען מיך מיט אים בעסער צונויפשמועסן ווי מיט די אידן..."

אוי, איז ער געווען א מבין... ער האט פיינט געהאט מאדערניזירטע און אמעריקאניזירטע אידן!

## רבי ברוך בער'ס רשות צו לערנען חולין

ווען מיין רבי, רבי ברוך בער לייבאוויטש, איז געקומען קיין אמעריקע, האב איך פארברענגט אסאך צייט מיט אים און געלערנט מיט אים. איך בין געווען א גוטער חבר מיט רבי ראובן גראזאווסקי, דער איידעם פון רבי ברוך בער. מיר זענען געווען חברים פון ישיבה און געלערנט אינאיינעם. איך בין אויך געווען א ידיד מיט רבי יעקב קאמינעצקי און איך האב אים נאך געקענט ווען ער איז געווען א בחור.

מיין טאטע האט מיר געזאגט אז איך זאל לערנען מסכת חולין אין ישיבה. דער משגיח פון קאמעניץ ישיבה, רבי נפתלי לייבאוויטש, האט מיך געזען לערנען חולין, האט ער מיך פארגעהאלטן פארוואס איך לערן נישט די סדרי הישיבה. האב איך אים געזאגט אז מיין טאטע האט מיך געהייסן לערנען חולין. ער האט נישט געקענט מיין טאטן. נאך אפאר טאג איז ער צוריקגעקומען און געזאגט: "אנטשולדיגט, איך האב נישט געוואוסט ווער אייער טאטע איז. איך האב עס אויסגעשמועסט מיט'ן ראש ישיבה, רבי ברוך בער, און ער האט מיר געזאגט ווער אייער טאטע איז און געזאגט: לאז אים לערנען וואס דער טאטע הייסט..."

## דער מייטשעטער עילוי אנטלויפט פון ישיבה צוליב עם-הארצות

אין ישיבת רבינו יצחק אלחנן אין ניו יארק איז געווען דער מייטשעטער עילוי, רבי שלמה פאליאטשעק. ער איז געווען א געוואלדיגער למדן און ער איז געווען דער מגיד שיעור פאר עיון. דער אנדערער ראש ישיבה איז געווען הרב דוב רעוועל.

מיר האבן געהאט א שיעור פון רבנים וואס האבן געלערנט אינאיינעם, און דער מייטשעטער האט געלערנט מיט אונז. איין טאג איז דער מייטשעטער אוועקגעגאנגען פון ישיבה - ער האט מער נישט געוואלט זאגן דעם שיעור.

וואס איז געשען? עס איז געווען א מגיד שיעור אין ישיבה וואס איז געווען א רב אין אמעריקע, און ער איז געווען בלויז א רב, גארנישט מער... איך האב געזען ווי דער ראביי רעדט עפעס מיט'ן מייטשעטער עילוי, און דערנאך האט ער זיך אויפגעשטעלט און אוועקגעגאנגען פון ישיבה.

אפאר טאג האט דער מייטשעטער געפעלט און נישט פארגעלערנט זיין שיעור. דער ראש ישיבה, הרב רעוועל, האט געזען אז דער מייטשעטער עילוי איז אוועק, און ער האט געוואוסט אז איך האלט מיט וואס גייט פאר, האט ער מיר גערופן: "ראביי לעווין, קומט צו מיין אפיס." בין איך אריינגעקומען צו אים אין אפיס און ער פרעגט מיך: "וואס איז געשען? פארוואס איז דער מייטשעטער אוועק?"

האב איך אים געזאגט אז איך ווייס נישט פינקטליך וואס איז פארגעקומען צווישן דעם מייטשעטער און דעם ראביי, איך ווייס נאר אז דער מייטשעטער האט מיט אים גערעדט און דערנאך אוועקגעגאנגען. האט מיר הרב רעוועל דערציילט אז דער מייטשעטער האט געזען אז ווען מען האט געפרעגט דעם ראביי א שאלה איבער א כתם, האט ער נישט געוואוסט ווי נאכצוקוקן די הלכה, און ער האט געקוקט אין הלכות דם... דער מייטצעטער האט נישט אויסגעהאלטן אז אזא עם הארץ איז א מרביץ תורה און א רב, איז ער אוועקגעגאנגען פון ישיבה. עס האט געדויערט היפש צייט ביז ער איז צוריקגעקומען.

האב איך דאן געפרעגט ראביי רעוועל, פארוואס איז דער עם הארץ א ראביי און דער מייטשעטער נישט? האט ער מיר געזאגט: "דער מייטשעטער איז א געוואלדיגער תלמיד חכם, אבער קיין ראביי קען ער נישט זיין, ווייל ער איז נישט קיין גוטער רעדנער. דער ראביי איז אבער א גוטער 'ספיקער'..." דאס איז געווען דער מצב אין אמעריקע.

## די ישיבה אין לידא

דער מייטשעטער איז געווען פריער דער ראש ישיבה אין ישיבת תורה ודעת אין שטאט לידא. דער גרינדער פון דער ישיבה איז געווען הרב יצחק יעקב ריינעס, דער גרינדער פון דער מזרחי באוועגונג. ישיבת לידא איז געווען א געמישטע ישיבה, וואו מען האט געלערנט תורה צוזאמען מיט לימודי חול - א ישיבה און א גימנאזיע.

דער מייטשעטער האט געזאגט אז ער האט שפעטער איינגעזען אז דאס מישן האט נישט געארבעט. ווער עס האט געוואלט גיין אין גימנאזיע איז געגאנגען אין גימנאזיע, און ווער עס האט געוואלט לערנען האט געלערנט... די פאנטאזיע צונויפצושטעלן ביידע ארבעט נישט!

הכלל, רבי ברוך בער האט נישט גענומען קיין בחורים פון לידא. איז געווען א גוטער בחור וואס האט געלערנט אין לידא, און מען האט געפרעגט רבי ברוך בער: "איר נעמט נישט אפילו א גוטן בחור ווייל ער איז פון לידא?" האט רבי ברוך בער געענטפערט: "נישט נאר א בחור וואס האט געלערנט אין לידא נעם איך נישט, נאר אפילו אז זיין ברודער האט געלערנט אין לידא קען ער נישט לערנען אין מיין ישיבה!"

דער מייטשעטער איז געווען ראש ישיבה אין דער ישיבה פון הרב ריינעס, און די פרימערע ראשי ישיבה האבן עס נישט

געגליכן. איידער דער מייטשעטער איז געווארן ראש ישיבה, האבן זיי געזוכט א גוטן ראש ישיבה, האבן זיי געשיקט א בריוו צום טאטן ער זאל ווערן ראש ישיבה. דער טאטע איז געווען מסופק צי ער זאל אננעמען דעם פאסטן. לידא איז דאך געווען קאנטערוועריסיאל... איז אויפ'ן וועג צו לידא איז דער טאטע געפארן קיין לאדזש. אין לאדזש איז געווען דער רב רבי אליהו חיים מייזל. האט מיין טאטע אים געוויזן דעם בריוו אז מען וויל אים מאכן ראש ישיבה אין לידא און געפרעגט דעם רב'ס עצה.

האט רבי אליהו חיים מייזל געזאגט פאר מיין טאטן: "קיין עצה קען איך דיר נישט געבן, אבער א מעשה קען איך דיר דערציילן." און רבי אליהו חיים דערציילט: "איך בין געווען יארן צוריק ביי אן אסיפה אין ווארשע וואו עס זענען געזעסן די גדולי ליטא, רבי דוד פרידמאן קארלינער, רבי יאשע בער סאלאווייטשיק דער בית הלוי, און איך בין געזעסן מיט זיי. איז אריינגעקומען הרב ריינעס, דער מזרחי רב. ער איז נאך געווען דעמאלט רב אין סלוצק.

"ווען רבי דוד קארלינער האט אים געזען האט ער זיך אוועקגעדרייט, זיך געשטעלט ביים פענסטער און ארויסגעקוקט. ער האט נישט געוואלט קוקן הרב ריינעס אין פנים. דער בית הלוי האט איינגעדרימלט... צוגעמאכט די אויגן ווי ער שלאפט און נישט געוואלט זען הרב ריינעס." רבי אליהו חיים איז געווען דער אינגסטער פון זיי, און ער האט נישט געשפירט באקוועם אים צו איגנארירן. האט ער נישט געטון אזוי שארף, נאר אים געגעבן שלום, אבער אים געפרעגט: "איר זעט דאך אז די רבנים זענען נישט צופרידן פון אייך, פארוואס קומט איר דא צווישן די פרומע רבנים?" האט הרב ריינעס געפרעגט: "איר קענט מיר געבן אן עצה?" האט הרב מייזל שארף געזאגט: "איך האב אייך געזאגט אן עצה - קומט נישט צו אסיפות פון די רבנים..."

הרב מייזל האט דאס דערציילט פאר מיין טאטן און צוגעענדיגט "און איר קענט טון וואס איר ווילט..."

מיין טאטע האט שוין געוואוסט וואס ער האט צו טון...

## ראבי בעלקין

עס איז געווען א ראביי בעלקין, ער איז געווען א גרויסער רב דא אין אמעריקע, אבער א גוואלדיגער קל. ער האט געלערנט ביים חפץ חיים אין ראדין, און ער האט געוואלט גיין לערנען ביי רבי ברוך בער אין קאמעניץ. רבי נפתלי טראפ, דער ראש ישיבה, האט אים געגעבן א בריוו, אבער רבי ברוך בער האט אים נישט אנגענומען אין ישיבה!

רבי ראובן גראזאווסקי האט מיר דערציילט, אז מען האט געפרעגט רבי ברוך בער פארוואס ער האט אים נישט אנגענומען אין ישיבה. רבי נפתלי טראפ האט דאך אים געשריבן א המלצה בריוו. האט רבי ברוך בער געזאגט, אז עס שטייט טאקע דארט אינעם בריוו אז ער איז א תלמיד חכם און בעל כשרון, אבער עס שטייט נישט אז ער איז א ירא שמים... "איך האב געוואוסט אז דאס טויג נישט, רבי נפתלי ווייסט אז יראת שמים איז וויכטיג... ער שרייבט עס נישט ווייל ער איז מרמז אז עפעס טויג נישט מיט זיין יראת שמים."

ווען ער איז געגאנגען קיין אמעריקע, האט רבי נפתלי טראפ געזאגט, "אמעריקע פאסט פאר אים!" און ער האט צוגעלייגט: "אין אמעריקע וועט ער זיין גרויס; אדער וועט ער ווערן א שואל ומשיב - אדער א בישאף!"

## א פראפעסאר אין אלבאני

איך האב א חבר, א הויפט פראפעסאר אין פסיכאלאגיע אין איינעם פון די ניו יארקער אוניווערסיטעטן. ער איז געבוירן אין אמעריקע און געוואוינט אין וויליאמסבורג אויף לי עוועניו. אידישקייט אין אמעריקע איז דאן געווען זייער שוואך, אבער זיין מאמע איז געווען זייער ערליך און האט אריינגעלייגט אין אים אן ערליכקייט.

ער איז א גרויסער פראפעסאר, א דיען אין אוניווערסיטעט, אבער אין אידישקייט איז ער א תמים און א פרומער. שבת איז ער מעביר סדרה, ער לערנט משניות. איך האב געלערנט מיט אים אסאך. ער איז געווען א פראפעסאר אין ישיבה יוניווערסיטי, און געלערנט פסיכאלאגיע. ער האט מיר געזאגט אז ער וואלט געקענט ווערן א פסיכיאטאר, נישט נאר א פסיכאלאג, אבער ער זאגט אז אלס פסיכיאטאר קען מען אמאל אומגליקליך מאכן א מענטש, מיט'ן געבן מעדיצינען וואס טויגן נישט... איז ער געבליבן אין פסיכאלאגיע; ער פארשרייבט נישט קיין מעדיצין.

ער איז געווען א פראפעסער אין א קאטוילישן אוניווערסיטעט, ער האט אבער געוואלט לערנען מיט אידן, איז ער געווארן א פראפעסאר אין ישיבה יוניווערסיטי. האט ער געזאגט: "ווען איך האב געלערנט מיט קריסטן האט מען מיך רעספעקטירט אז איך בין אוועקגעגאנגען פון קלאס צו גיין דאווענען מנחה... און דא ביי די אידן איז נישטא קיין מנחה אינדערוואכן?" איז ער אוועקגעגאנגען פון ישיבה יוניווערסיטי!

ער וואוינט אין אלבאני און האט געלערנט אלע יארן אין אוניווערסיטעט. ווען די רבנים זאלן האבן אביסל פון זיין יראת שמים וואלט אמעריקע אויסגעזען שענער... ער האט אפאר געלונגענע און ערליכע קינדער. זיין זון האט געוואלט ווערן א ראביי און גיין לערנען רבנות אין ישיבה יוניווערסיטי, האט אים דער טאטע געזאגט: "ענדערש זיי א איד, ווי איידער ווערן א ראביי..."

## וואס איך האב געלערנט



## מיט מיין טאטן

דער טאטע האט זיך געקאכט אין נתיבות עולם פונעם מהר"ל, בעיקר אין נתיב התשובה. איך האב געלערנט מיט'ן טאטן מהר"ל, תניא, ליקוטי תורה, און מיר האבן געהאט א קביעות אין ספר חנה אריאל פון רבי יצחק אייזיק עפשטיין פון האמיל, מגדולי חסידי חב"ד. דער טאטע האט געשריבן חידושי תורה און זיי פארברענט! אין גאנץ ש"ס האט דער טאטע צוגעשריבן הגהות און אויך אין ספר המצוות. יעדן טאג האט ער געלערנט ספר המצוות.

ווען מיין טאטע איז געווען דאס ערשטע מאל אין ליובאוויטש האט ער געהערט די תורה פון רבי'ן הרש"ב. ווען דער טאטע האט געהערט דעם חוזר נאכזאגן די תורה, האט ער געזאגט אז דער חוזר זאגט נישט גוט, און נישט דאס איז געווען דעם רבי'נס כוונה. דער חוזר איז געגאנגען זיך באקלאגן צו הרב טרעביטש, דער רב פון מאסקווע, ער איז געווען ווי דער טשיף אף סטעף.

דער הרב טרעביטש האט געפרעגט מיין טאטן: "פארוואס האט איר זיך פארטשעפעט מיט'ן חוזר?" האט דער טאטע אים געזאגט זיין הבנה אינעם רבי'נס ווערטער, און נאכדעם דעם וועג וויאזוי דער חוזר האט עס געזאגט, און געוויזן קלאר אז ער האט נישט גוט איבערגעזאגט!

הרב טרעביטש האט געזאגט פאר מיין טאטן: "איר זענט גערעכט, אבער זאגט מער נישט דאס! איך ווייס דערפון, נישט אייביג קען דער חוזר יורד זיין לעומקן הדברים, אבער מען דארף שווייגן." ■

# דער פאליטישער באדייט אין מערת רשב"י



דורך: שניאור ריבנר

דריי ראשי ישיבה זיצן און שמועסן פאליטיק.

דער ערשטער באמערקט, "ווי גוט איז אונזער נייער פרעזידענט! ער האט שוין אזויפיל אויפגעטון אין בלויז אפאר מאנאטן. ער שטיצט אונזערע ברידער און שוועסטער אין ארץ ישראל, ער קעמפט אנטקעגן די אנטיסעמיטן אין אמעריקאנער אוניווערסיטעטן - מען דארף דאנקען דעם באשעפער אויף זיין נצחון!"

דער צווייטער ענטפערט אים, "ניין, ער זארגט בלויז וועגן זיך אליין! ער שטיצט ארץ ישראל כדי ער זאל באקומען געלט פון די קריסטן, ער קעמפט אנטקעגן אנטיסעמיטן ווייל ער האט פיינט דאס אז די אוניווערסיטעטן זענען א צענטער פאר דעמאקראטן, אדער איז עס בלויז א טאקטיק אז מ'זאל נישט באמערקן ווי ער רייסט אראפ די רעגירונג. מיר אינטערעסירן אים נישט בכלל."

דער דריטער זיצט דארט שווייגנדיג.

*

אט דער שמועס האט פאסירט צווישן תנאים מיט צוויי טויזנט יאר צוריק. אלס אן אריינפיר צו דער באקאנטער דערציילונג פון מערת רשב"י, ברענגט די גמרא דעם דאזיגן אנעקדאט (שבת ל"ג ע"ב):

*יתבי רבי יהודה ורבי יוסי ורבי שמעון, ויתיב יהודה בן גרים גביהו. פתח רבי יהודה ואמר: כמה נאים מעשיהן של אומה זו: תקנו שווקים, תקנו גשרים, תקנו מרחצאות. רבי יוסי שתק. נענה רבי שמעון בן יוחאי ואמר: כל מה שתקנו, לא תקנו אלא לצורך עצמן. תקנו שווקין - להושיב בהן זונות, מרחצאות - לעדן בהן עצמן, גשרים - ליטול מהן מכס.*

דעם שמועס, זאגט די גמרא ווייטער, האט יהודה בן גרים געהערט און איבערדערציילט ביז ס'האט דערגרייכט דעם מלכות. האט דער קייסער גע'משפט אז רשב"י איז חייב מיתה דערויף און דערפאר האט ער זיך געדארפט אויסבאהאלטן אין א הייל.

מיר ווייסן אבער אוודאי אז די גמרא איז נישט קיין היסטאריע-בוך. אז דער רעדאקטאר האט צוגעלייגט א געוויסן דעטאל, דארף מען זוכן צו פארשטיין וויאזוי דער פרט העלפט אונז אפלערנען דעם באדייט פון דער מעשה. איבערהויפט אז מ'רעדט דא וועגן דער הקדמה צו דער געשיכטע, איז דאס א רמז צום הויפט משמעות פון דער דערציילונג. אלזא, איז דאס וואס סיפור רשב"י

איז אוועקגעשטעלט געווארן אין אזא אופן, איינגעוויקלט אין א פאליטישער דיסקוסיע, אונז מרמז אז ס'איז פארהאן דא א פאליטישע באדייטונג.

וואס זענען די יסודות פון אידישער פאליטיק וועלכע באהאלטן זיך אין סיפור רשב"י? אונזער יעצטיגע אויפגאבע איז זיי אויפצודעקן.

קודם כל דארפן מיר פארשטיין: וואס איז די פאליטישע פראגע וואס ווערט דא באהאנדלט? לפום ריהטא וואלט אויסגעזען אז די תנאים דינגען זיך צי ס'קומט פאר די רוימער א דאנק אויף וואס זיי האבן אויפגעטון. רבי יהודה זאגט אז זיי האבן געברענגט גוטע זאכן און ס'קומט זיך זיי דערויף א יישר כח, ענטפערט רבי שמעון בר יוחאי אז ניין, עס קומט זיך זיי נישט קיין ש'כח, ווייל אלעס וואס זיי האבן געטון איז געווען "לצורך עצמן".

אזא פירוש איז אבער שווער צו פארשטיין, ווייל לכאורה וואלט אויסגעזען אז רבי יהודה איז דאך גערעכט. וואספארא נפקא מינה איז דא צי די רוימער טוען עס לצורך עצמן אדער נישט? זינט די רוימער זענען געקומען האבן זיי אויפגעטון גוטע זאכן: עס זענען פארהאן נייע גאסן, נייע בריקן, און מיר קענען זיי ניצן און פארדינען. וואס עפעס איז וויכטיג פאר רבי שמעון עס זאל נישט געטון ווערן לצורך עצמן, נאר דווקא פאר אונז?

טא ווייזט אויס אז דאס מחלוקת צווישן רבי יהודה און רבי שמעון איז נישט וועגן די מעשים פון די רוימער בפרט, נעמליך וואס די רוימער האבן אויפגעטון מיט זייערע רעגירונג, נאר דער וויכוח איז וועגן א גרעסערער, כלליות'דיגער שאלה - די שאלה פון וואס דארף זיין אונזער פאזיציע בנוגע די רוימער בכלל. רבי יהודה האלט אז מ'דארף מקבל זיין די רוימישע הערשאפט און זיך צושטעלן ווי אלגעמיינע בירגער, און רבי שמעון האלט פארקערט, מ'דארף זיך אנטקעגנשטעלן.

אנדערש אויסגעדריקט וואלט מען געזאגט, אז דאס מחלוקת איז נישט אויב וואס די רוימער האבן אויפגעטון איז געווען לצורך עצמן אדער נישט, צו דעם איז יעדער מודה, נאר דאס מחלוקת איז צי אונז אידן זענען אריינגערעכנט אין דעם "עצמן". רבי יהודה האלט אז אין "לצורך עצמן" זענען די אידן בכלל; יעצט אז מ'לעבט אונטער דעם שלטון הרומי, דארף מען עס מקבל זיין און ווערן 'אידישע רוימער'. רבי שמעון בר יוחאי האלט אבער אז ניין, מען טאר נישט ווערן אידישע רוימער. אדער זענען מיר רוימער, אדער זענען מיר אידן. דערפאר וויל ער זיך אפשיידן: "לצורך עצמן" - און מיר זענען נישט בכלל. פונקט ווי דער רשע פון דער הגדה וואס זאגט לכם ולא לי, כדי ל"הוציא את עצמו מן הכלל".

וואס האט דאס מיט מערת רשב"י? מיר וועלן באלד צוריקקומען דערצו. קודם דארפן מיר גרינטליך פארשטיין במאי קמיפלגי, און כדי זיך צו דערגרונטעווען לעומקא דמילתא, מוזן מיר כאפן א ברייטערן בליק אויף די פארשידענע פאזיציעס וועלכע זענען אויסגעדריקט אין חז"ל אין בעצוג צו דער רוימישער הערשאפט.

***

מיר דאכט זיך אז ס'איז פאסיג אנצוהייבן מיט דעם רבי'ן פון רשב"י, רבי עקיבא.

א פארשפרייטע מיינונג ביי אסאך איז אז רבי עקיבא איז געווען איינער פון די פירער ביי מרד בר כוכבא. דער רעיון איז באזירט אויף וואס שטייט אין רמב"ם אז רבי עקיבא איז געווען "נושא כליו של בן כוזיבא המלך" (הל' מלכים ומלחמות יא, ג). היינט איז אבער דער קאנצענזוס צווישן חוקרי התלמוד אז דאס איז א גוזמא. דער איינציגער מקור וואס באשטעטיגט אז רבי עקיבא האט געשטיצט דעם מרד פון בר כוכבא געפינט זיך אין ירושלמי (תענית כ"ד ע"א), און דארט גייט ר"ע נישט אזוי ווייט:

*תני רבי שמעון בר יוחי: עקיבה רבי היה דורש, דרך כוכב מיעקב - דרך כוזבא מיעקב. רבי עקיבה כד חמי בר כוזבא הוה אמר: דין הוא מלכא משיחא. אמר ליה רבי יוחנן בן תורתא, עקיבה, יעלו עשבים בלחייך ועדיין בן דוד לא יבא.*

כאטש עס שטייט דא אז ר"ע האט געשטיצט דעם מרד, איז נישט דא קיין ראיה אז ער האט עס געפירט, אדער אז ער האט אפילו גענומען א טייל דערין. די פינקטליכע ראלע וואס רבי עקיבא האט געהאט אינעם מרד איז היינט א מחלוקת ביי פרשנים און היסטאריקער. טייל האלטן אז ער האט גארנישט געהאט דערמיט, א טענה וואס ווערט אונטערגעשטיצט מיט דעם אז דאס ווערט נישט דערמאנט אלס טעם פארוואס די רוימער האבן אים גע'הרג'עט. אנדערע האלטן אבער אז ער האט יא געהאט א געוויסע השפעה דערין.

החכם שי"ר, צום ביישפיל, שרייבט אז די תלמידי רבי עקיבא זענען געשטארבן אין מרד בר כוכבא. ער איז מסביר אז "לא נהגו כבוד זה בזה" איז דער פשט אז זיי האבן זיך נישט מכניע געווען איינער צום צווייטן אויפ'ן היערארכישן שטייגער פון אן ארמיי, און דערפאר האבן זיי פארלוירן דעם קאמף.

סיי וואס די ראלע פון רבי עקיבא זאל נאר האבן געווען, קען מען אבער ארויסנעמען דערפון עפעס וואס איז לכאורה א גרויסער חידוש: נישט בלויז האט ר"ע געהאלטן אז מען זאל זיך נישט צושטעלן צו די רוימער, ער האט אויך געשטיצט א געוואלדטאטישע אידעאלאגיע. ער האט געהאלטן אז דאס אידישע פאלק, קליין און שוואך - "המעט מכל העמים" - זאל פירן א קריג, א רעוואלוציע, אנטקעגן וואס איז דאן געווען די שטערקסטע ארמיי אין דער וועלט, כדי זיי ארויסצוטרייבן פון לאנד.



זאל שוין זיין אז רבי עקיבא האט געהאלטן פון ראדיקאלער פאליטיק. נאר וואס? אלעס וואס איז דערמאנט געווארן באציט זיך צו די פריערדיגע צייטן, איידער בר כוכבא'ס רעוואלוציע איז דורכגעפאלן. אבער אז די רוימער האבן מצליח געווען, זיי האבן ארויסגעטריבן די אידן פון ירושלים, גע'אסר'ט צו לערנען תורה און פראווען אידישע ימים טובים, קען טאקע זיין אז זיין פאזיציע האט זיך געטוישט. אפשר האט ער פארשטאנען אז דער מרד איז געווען א גרויסער טעות; די רוימער וועלן נישט פארשוואונדן ווערן און מען מוז זיך דערמיט אן עצה געבן. אויב אזוי דארפן מיר פארשטיין וואס איז געווען זיין נייע פאזיציע.

דא קומען מיר אן צום מחלוקת ווי עס האט פאסירט בתקופת רשב"י. אז מ'קוקט אריין וואס שטייט אין חז"ל געפינען מיר דערויף דריי אפציעס:

א. מען דארף זיך צושטעלן. אויב טראץ דעם וואס די רוימער האבן פארברענט דעם בית המקדש, ארויסגעטריבן די אידן פון רוב ארץ ישראל, און גע'אסר'ט תורה ומצוות - זענען זיי נאך בשלטון, ווייזט אויס אז דאס איז דער רצון ה'. דעריבער דארף מען פאלגן וואס די רוימישע רעגירונג באפעלט, און אז מ'לערנט תורה, מ'היט שבת אדער יו"ט, אדער אנדערע גע'אסר'טע מצוות, זאל מען עס טון בלויז בצנעה.

ב. מען דארף זיך ווייטער אנטקעגנשטעלן, אבער אן קיין געוואלדטאטן. מ'פירט שוין נישט מער קיין מלחמות, אבער מען שטעלט זיך אויך נישט צו צו דער מלכות הרשעה. מען איז ממשיך צו לערנען תורה און היטן מצוות ברבים, און מ'דארף ליידן די עונשים באהבה. דער רצון ה' אין אזא אומשטאנד איז אז מ'זאל זיך מוסר נפש זיין אויף קיום תורה ומצוות.

ג. מען מאכט א פשרה: מ'שטעלט זיך טאקע צו, אבער נישט ווייל מיר האלטן אז דער רצון ה' ווערט אויסגעדריקט אין די גזירת הרומאים, נאר בלויז וועגן פראגמאטישע סיבות. דהיינו, אז דורך דעם וואס מען שטעלט זיך צו קען מען זיך דערנענטערן צו דער רעגירונג און אזוי זיי באאיינפלוסן צו פארבעסערן אונזער מצב. מען איז ממנה שתדלנים, מ'זוכט פראטעקציע, מ'פרובירט זיי אונטערצוקויפן, אא"וו. צי מען מ'פאלגט זייערע באפעלן צי נישט ווענדט זיך, אבער אבי נישט זיין להכעיס.

די ערשטע צוויי מהלכים טרעפן מיר אין א מחלוקת צווישן רבי יוסי בן קיסמא און רבי חנינא בן תרדיון. אין גמרא אין עבודה זרה (י"ח ע"א) שטייט:

*תנו רבנן, כשחלה רבי יוסי בן קיסמא הלך רבי חנינא בן תרדיון לבקרו. אמר לו, חנינא אחי, אי אתה יודע שאומה זו מן השמים המליכוה, שהחריבה את ביתו, ושרפה את היכלו, והרגה את חסידיו, ואבדה את טוביו, ועדיין היא קיימת, ואני שמעתי עליך שאתה יושב ועוסק בתורה, ומקהיל קהילות ברבים, וספר מונח לך בחיקך. אמר לו, מן השמים ירחמו. אמר לו, אני אומר לך דברים של טעם, ואתה אומר לי מן השמים ירחמו, תמה אני אם לא ישרפו אותך ואת ספר תורה באש.*

וואס האבן מיר דא? מיר זעען א מחלוקת צווישן רבי יוסי בן קיסמא און רבי חנינא בן תרדיון איבער וואס דארף זיין אונזער צוגאנג צו דער רוימישער רעגירונג. ר' יוסי בן קיסמא טענה'ט, אז אויב טראץ אלע רשעות וואס זיי האבן געטון זענען זיי נאך בשלטון, איז א סימן אז דער רצון ה' איז אז מיר זאלן זיך צושטעלן. רבי חנינא בן תרדיון ענטפערט דערצו אז "מן השמים ירחמו", דהיינו פארקערט, וואס דער אייבערשטער פארלאנגט אין אזא אומשטאנד איז גאר מסירת נפש.

וואס דען איז געווען דער שיטה פון רבי עקיבא

נאך בר כוכבא? אן ענליכער שמועס געפינט זיך מיט ר"ע, אין גמרא ברכות (ס"א ע"ב):

*תנו רבנן, פעם אחת גזרה מלכות הרשעה שלא יעסקו ישראל בתורה. בא פפוס בן יהודה ומצא לרבי עקיבא שהיה מקהיל קהילות ברבים ועוסק בתורה. אמר לו: עקיבא, אי אתה מתירא מפני המלכות? אמר לו: אמשל לך משל למה הדבר דומה, לשועל שהיה מהלך על גבי הנהר וראה דגים שהיו מתקבצים ממקום למקום. אמר להם: מפני מה אתם בורחים? אמר לו: מפני רשתות שמביאין עלינו בני אדם. אמר להם: רצונכם שתעלו ליבשה, ונדור אני ואתם כשם שדרו אבותי עם אבותיכם? אמרו לו: אתה הוא שאומרים עליו פיקח שבחיות? לא פיקח אתה אלא טיפש אתה. ומה במקום חיותנו אנו מתייראין, במקום מיתתנו על אחת כמה וכמה. אף אנחנו, עכשיו שאנו יושבים ועוסקים בתורה שכתוב בה "כי הוא חייך ואורך ימיך" כך, אם אנו הולכים ומבטלים ממנה, על אחת כמה וכמה.*

דא שטייט די פאזיציע פון רבי עקיבא קלאר: ער איז מקהיל קהילות ברבים, כאטש די רוימער האבן עס געאסר'ט. וואס איז אבער יא וויכטיג צו באמערקן, איז מיט וועמען ער דינגט זיך. פריער האבן מיר געזען ביי רבי חנינא בן תרדיון אז ער דינגט זיך מיט שיטת רבי יוסי בן קיסמא, אז מ'דארף מקבל זיין און זיך צושטעלן. דא דינגט זיך רבי עקיבא מיט פפוס בן יהודה, און אויסער קריטיקירן רבי עקיבא איז ער נישט מסביר זיין שטעלונג. דעריבער פרעגט זיך: צי קריטיקירט ער ר"ע ווייל ער האלט ווי רבי יוסי בן קיסמא, אדער עס איז ווייל ער האלט ווי אונזער דריטער צד, אז מ'זאל זיך צושטעלן וועגן פראגמאטישע סיבות, כדי אז דורך וואס מען שטעלט צו וועט מען קענען משפיע זיין אויף די רעגירונג מבטל צו זיין דער גזירה?

טראץ דעם וואס פפוס בן יהודה אליין גיבט אונז נישט צו פארשטיין, ליגט אן ענטפער דערצו אין דער רעאקציע פון רבי עקיבא. רבי עקיבא פארגלייכט עס צו א פיש וואס זאל אנטלויפן פונעם פיש-כאפער דורכ'ן גיין לעבן אויף דער יבשה צוזאמען מיט'ן פוקס. דאס האט אוודאי נישט קיין זין, ווייל מ'קען נישט ראטעווען דאס לעבן דורכ'ן אפזאגן דאס וואסער וואס גיבט לעבן. דא אויך, זאגט רבי עקיבא, קען מען זיך נישט ראטעווען פון דעם רוע הגזירה, פון אונזער עקזיסטענציעלער סכנה, דורכ'ן זיך אפזאגן פון דער תורה וואס איז אונזער לעבן - "כי הוא חייך."

נו, אויב רבי עקיבא רעדט צו איינעם וואס האלט ווי רבי יוסי בן קיסמא, איז דאס אוודאי נישט קיין פארגלייך. נאר אויב מ'האלט ווי אונזער דריטע אפציע, אז מ'שטעלט זיך צו און מ'לערנט נישט יעצט תורה ברבים כדי מ'זאל שפעטער יא קענען לערנען ברבים, דאן ווערט רבי עקיבא'ס טענה פארשטענדליך - פונקט ווי דער פיש קען זיך נישט ראטעווען דורכ'ן אויפגעבן אויף וואסער, קען דער מענטש נישט ראטעווען אידישקייט דורכ'ן זיך אפזאגן פון דער תורה.

***

איצט האבן מיר דריי מהלכים: ר' יוסי בן קיסמא האלט אז כאטש מען פארשטייט נישט פארוואס, איז עס דער רצון ה' אז מ'זאל זיך צושטעלן צו דעם רוימישן לעבנס-גייסט. אז זיי לאזן היטן די מצות זאל מען אוודאי היטן, אבער זיך נישט אנטקעגנשטעלן, נישט בלב און נישט במעשה. ווי דער העברעאישער פאעט יהודה לייב גארדאן האט געשריבן אין זיין באקאנטער פאעמע "הקיצה עמי": "היה אדם בצאתך ויהודי באוהלך."

דער צווייטער מהלך, פון רבי עקיבא און רבי חנינא בן תרדיון, לויטעט אז אין אזא אומשטאנד איז מסירת נפש דאס וואס דער אייבערשטער

פארלאנגט; מען דארף זיך האלטן פעסט מיט אונזער לעבנס-שטייגער און זיך גענצליך אפשיידן פון די רוימער. ווי דער חתם סופר האט געזאגט: "חדש אסור מן התורה," און אפילו ביז מסירת נפש.

דער דריטער מהלך, פון פפוס בן יהודה, איז א מעסיגער צוגאנג: מ'קען נישט בלויז אננעמען אז דאס איז דער רצון ה' און פארטיג, נאר מ'דארף נעמען אונזער גורל אין האנט אריין און טון וואס פאדערט זיך כדי צו פארבעסערן אונזער מצב. אפשר מוז מען אויפהערן לערנען תורה ברבים, אבער עס איז בלויז צייטווייליג, ביז אונזערע פראגמאטישע פרואוון וועלן זיין סוקסעספול. כאטש "לא עליך המלאכה לגמור", פונדעסטוועגן "לא אתה בן חורין ליבטל ממנה".

איצט קומען מיר צוריק צו רשב"י: וואס איז געווען זיין שיטה דערויף? לכאורה וואלט מען אנעגענומען אז ער האלט ווי זיין רבי, רבי עקיבא, און אזוי וואלט טאקע משמע געווען פון וויאזוי מיר האבן פריער אפגעטייטשט דאס מחלוקת צווישן רשב"י און רבי יהודה וואס ווערט געברענגט אלס הקדמה צום סיפור המערה. נאר אז מען קוקט אויפ'ן זון פון רשב"י, רבי אלעזר ברבי שמעון, זעט מען אנדערש. אין גמרא בבא מציעא (פ"ג ע"ב) שטייט:

*ר"א ברבי שמעון אשכח לההוא פרהגונא דקא תפיס גנבי. אמר ליה: היכי יכלת להו ... דלמא שקלת צדיקי ושבקת רשיעי? אמר ליה: ומאי איעביד? הרמנא דמלכא הוא. אמר: תא אגמרך היכי תיעבד. עול בארבע שעי לחנותא, כי חזית איניש דקא שתי חמרא וקא נקיט כסא בידיה וקא מנמנם, שאול עילויה. אי צורבא מרבנן הוא וניים, אקדומי קדם לגרסיה. אי פועל הוא, קדים קא עביד עבידתיה, ואי עבידתיה בליליא רדודי רדיד. ואי לא, גנבא הוא ותפסיה. אישתמע מילתא בי מלכא, אמרו: קריינא דאיגרתא, איהו להוי פרונקא. אתיוה לר"א בר"ש וקא תפיס גנבי ואזיל. שלח ליה רבי יהושע בן קרחה: חומץ בן יין, עד מתי אתה מוסר את עמו של אלוקינו להריגה? שלח ליה: קוצים אני מכלה מן הכרם. שלח ליה: יבוא בעל הכרם ויכלה את קוציו.*

לאמיר איבערטייטשן די געשיכטע צוליב דעם שווערן ארמיש. ר' אלעזר בר' שמעון האט אנגעטראפן דעם שעריף פון שטאט און אים געפרעגט וויאזוי ער קען וויסן אז ער כאפט בלויז גנבים, אפשר שפארט ער איין אומשולדיגע מענטשן. ענטפערט אים יענער אז ס'קען טאקע זיין, אבער ס'איז נישטא וואס צו טון דערצו, דאס איז דער קעניגליכער באפעל. זאגט אים רבי אלעזר אז ער וועט אים געבן אן עצה: גיי אריין אין געשעפט צענע אינדערפרי, ווען מענטשן קומען עסן, און אויב עמיצער דרימלט בשעת'ן טרינקען זיי מברר צי ער איז א צורבא מרבנן אדער אן ארבעטער. אויב נישט, איז דאס א סימן אז ער גנב'ט ביינאכט און דערפאר איז ער מיד. די געשיכטע איז אנגעקומען צו דער רעגירונג און זיי האבן געזאגט אז אויב ר"א בר"ש האט אזעלכע גוטע עצות, זאל ער נעמען די פאזיציע. ר' אלעזר האט אנגענומען די אויפגאבע, און איז ארומגעגאנגען אין שטאט ניצן זיינע חכמות צו כאפן די גנבים.

לאמיר זיך אפשטעלן דא א מינוט און פרעגן: מיר האבן שוין געזען אז רשב"י, דער פאטער פון ר"א, האט געהאלטן אז מען טאר זיך נישט צושטעלן אדער משתתף זיין אין דער רוימישער מלכות הרשעה. נו, אויב ר"א האט געהאלטן ווי זיין טאטע, וואלט ער זיכער נישט מסכים געווען אויסצוהעלפן די רעגירונג און אננעמען די אויפגאבע. ממילא וואלט אויסגעזען אז ער דינגט זיך, און האלט אדער ווי ר' יוסי בן קיסמא אז מ'דארף זיך יא צושטעלן, אדער ווי פפוס בן יהודה אז מ'טוט וואס א פראגמאטישער אויסקוק פארלאנגט.

און טאקע אט די טענה מאכט רבי יהושע בן קרחה.1 "חומץ בן יין!" שיקט ער אים, "אייער טאטע האט דאך געהאלטן אז מ'טאר זיך נישט צושטעלן, און איר זענט "מוסר עמו של אלוקינו להריגה". וואס ענטפערט דערצו ר' אלעזר? "קוצים אני מכלה מן הכרם." דא איז אויסגעדריקט די טענה פון פפוס בן יהודה: "איך טו עס נישט כדי זיך צוצושטעלן צום מלכות, צוליב 'הורמנא דמלכא', נאר כדי צו פארבעסערן אונזער מצב, אויסצורייניגן אונזער געזעלשאפט פון אירע שלעכטע מענטשן." רבי יהושע האלט אבער נישט פון אזא תשובה, דעריבער זאגט ער "יבא בעל הכרם ויכלה את קוציו" - דאס איז נישט אונזער אויפגאבע, דער אייבערשטער וועט זיך זארגן פאר זיין פאלק.

***

בעצם איז דאס לאו דווקא א פראבלעם; עס קען טאקע זיין אז ס'איז פארהאן א מחלוקת צווישן רשב"י און זיין זון. רשב"י וואלט אפשר נישט געהאלטן פון רבי אלעזר'ס באשלוס ארויסצוהעלפן די רעגירונג, און רבי יהושע בן קרחה האט אים ריכטיג אנגערופן "חומץ בן יין", דהיינו אז ער האט אן אנדער השקפה ווי זיין פאטער.

מיר דאכט זיך אבער אז די הבנה איז נישט ריכטיג, און אז מ'לערנט גוט אפ די מעשה פון מערת רשב"י קען מען זען אז אין דער מעשה איז באצייכנט די עוואלוציע פון די פאליטישע פאזיציעס פון רבי שמעון און זיין זון. אין אנפאנג מעשה, ווי מיר האבן שוין פריער געזען, טוט טאקע רשב"י קריטיקירן דאס מלכות און ער וויל נישט נעמען קיין טייל דערין, אבער נאך דער מעשה האט זיך עפעס געביטן.

נאך איין הקדמה איז אונז וויכטיג כדי מיר זאלן קענען גרינטליך פארשטיין ווען און פארוואס די שיטה האט זיך געביטן, און וויאזוי עס ווערט אויסגעדריקט אין וואס שטייט אין גמרא.

אין דער פסח "כוואליע" האט @אינטעליגענט אונז געגעבן א שיינע הקדמה צו דער פילאזאפיע פון רענע דיקארט און זיין סקעפטיציזם. אבער פיל פילאזאפן - איבערהויפט די וועלכע האלטן פון אמעריקאנער פראגמאטיזם ווי וויליאם דזשעימס, דזשאן דואווי (Dewey), און הילארי פוטנאם - האבן שוין אנגעמערקט אז סקעפטיציזם איז באזירט אויף דער באגרייפונג פון רעאליטעט וואס פלאטאן (Plato) האט אונז געגעבן, א באגרייפונג וואס איז לאו דווקא גערעכט.

לויט פלאטאן, איז די רעאליטעט פון דער וועלט צעטיילט אין צוויי - אן עולם גשמי, די וועלט פון מאטעריאלישע זאכן, און אן עולם האמת, וואס איז די וועלט פון פארמען און באגריפן. יעדער זאך וואס עקזיסטירט אין אונזער, מאטעריאלער, וועלט איז באמת נאר אן אויסדרוק פון דער ווערסיע וואס עקזיסטירט אין דעם עולם האמת אלס א באגריף. לאמיר נעמען א פארעם אלסביישפיל - א קוואדראט. אין אונזער מאטעריאלער וועלט ווערט עס אויסגעדריקט אין פארשידענע זאכן - א בענקל, א פאפיר, אדער א פאר תפילין. ס'קען זיין גרויס אדער קליין, האבן איין קאליר אדער אן אנדער, או"ו. נו, פרעגט זיך, וואס מאכט זיי אלע פאר דער זעלבער זאך? פלאטאן האלט אז דאס איז צוליב וואס זיי אלע באציען זיך צו דעם זעלבן באגריף וואס עקזיסטירט אין דעם עולם האמת.

ס'איז אבער וויכטיג צו פארשטיין אז דער

1 ס'איז כדאי צו באמערקן אז ס'איז פארהאן א מחלוקת הראשונים בנוגע ר' יהושע בן קרחה. לויט רש"י (שבועות ו' ע"ב) און רשב"ם (פסחים קי"ב ע"א) איז "קרחה" א שם בדוי פאר רבי עקיבא, און לויט דעם איז רבי יהושע בן קרחה געווען דער זון פון רבי עקיבא. אנדערע דינגען זיך אבער, זע תוספות פסחים קי"ב ע"א.

פארשטאנד איז נישט בלויז בנוגע באגריפן אין מאטעמאטיק אדער געאמעטריע. אזא פארשטאנד, האלט פלאטאן, גייט פאר אלצדינג. למשל, יעדער פערד איז אנדערש פון א צווייטן, איז וואס מאכט א פערד א 'פערד'? ס'איז דאס וואס זיי אלע באציען זיך אינעם זעלבן וועג צום באגריף פון א פערפעקטן פערד וואס עקזיסטירט אינעם עולם האמת.

דעריבער, טענה'ן די אמעריקאנער פראגמאטיסטן, איז סקעפטיציזם ענליך צו רענע דיקארט'ס בלויז מעגליך לויט א פלאטאנישן פארשטאנד, אין וועלכן די וועלט איז געשפאלטן אין צוויי. אויב ס'איז פאראן אן עולם האמת וואס איז אנדערש פון דעם עולם החושים, דאן פרעגט זיך טאקע וויאזוי קען מען וויסן אז א גלויבונג וואס קומט פון דעם עולם החושים איז אין ווירקליכקייט אט דאס וואס עקזיסטירט אין דעם עולם השכל. און לכאורה וואלט אויסגעזען אז דיקארט איז גערעכט; טאג-טעגליך זעען מיר ווי אונזערע חושים קענען אונז פארפירן.

האלטן אבער די אמעריקאנער פראגמאטיסטן אז אזא פארשטאנד איז נישט ריכטיג. זיי האלטן אז א גלויבונג קען נישט האבן קיין באדייט, אויסער דער למעשה'דיגער פעולה וואס פאסירט אין רעזולטאט פון דער גלויבונג. ס'איז נישט פשט אז א גלויבונג ווערט "אמת" מיט דעם וואס עס שטימט מיט א רעאליטעט וואס געפינט זיך "אינדרויסן", און וואס דער מענטש קען קיינמאל נישט אנרירן. נאר א גלויבונג איז נישט מער און נישט ווייניגער ווי א סיבה פאר א געוויסן אקט. א גלויבונג וואס האט נישט קיין נפקא מינה אין הלכה למעשה, איז סתם מילי בעלמא אן קיין שום באדייט.

וואס דען איז דער חילוק צווישן א "ריכטיגער" און "אומריכטיגער" גלויבונג? א ריכטיגע גלויבונג מיינט אז ס'פירט צו א געלונגענער פעולה. אין אנדערע ווערטער, א גלויבונג מוז שטימען, לויט זיי, נישט מיט'ן עולם האמת - נאר מיט'ן עולם המעשה.

אז א מענטש שטייט נעבן א קאר וואס ער גלייבט אז ס'איז זיינס, ער דריקט דאס קנעפל און דער קאר עפנט זיך נישט. וואס האט דא פאסירט? זיין גלויבונג שטימט נישט מיט'ן עולם המעשה; עפעס דארף זיך דערהיינטיגן. פלוצלונג גיבט ער א קוק און זעט אז ס'איז טאקע אן אנדער קאר, אדער אז ער האלט דעם שליסל פאר זיין ווייב'ס קאר. ס'איז נישט אז ס'איז דא אן עולם האמת וואו דארט איז פאראן א ווירקליכע רעאליטעט וועגן מיין קאר אדער אן אנדערנ'ס, נאר דאס אז מיין גלויבונג שטימט נישט מיט'ן מציאות איז די סיבה פארוואס איך דארף טראכטן פונדאסניי.

עד כאן די עפיסטעמאלאגיע. וואס האט עס מיט פאליטיק?

אין א באקאנטן מאמר בנוגע דעם מקור פון מענטשן-רעכטן, האט דער אמעריקאנער פראגמאטיסט ריטשארד ראָרטי (Richard Rorty) אנגעמערקט אז אלע טראדיציאנעלע פילאזאפן האבן געוואלט טרעפן דעם פונדאמענט פון די רעכטן אינעם אייגענשאפט צווישן מענטשן: צוליב וואס אלע זענען בני שכל, אדער ווייל אלע זענען באשאפן געווארן בצלם אלוקים, או"ו, און צוליב דעם זענען דא מאראלישע פארלאנגען פון איינעם אויפ'ן צווייטן, אפילו פרעמדע מענטשן.

ער טענה'ט אבער אז אזא צוגאנג איז א טעות. וויאזוי קען זיין, פרעגט ער, אז בשעת דזשארדזש וואשינגטאן און דזשאן אדאמס האבן אפגעשריבן די אמעריקאנער קאנסטיטוציע, וואס דערין שטייט אז יעדער מענטש באקומט די זכותים פון פרייהייט און גלייכבארעכטיגונג דירעקט פון גאט, זענען זיי אין יענעם מאמענט געזעסן ארומגערינגלט מיט אפריקאנער קנעכט? האבן זיי נישט געוואוסט אז אפריקאנער זענען אויך בני שכל? אז זיי האבן אויך א צלם אלוקים? נאר ווילאנג א מענטש האלט אז דער מאראלישער פארלאנג איז באזירט אויפ'ן

עולם השכל, אויף אן אבסטראקטן פארגלייך צווישן מענטשן, קען א מענטש זיך ארויסדרייען דערפון. ער קען זיך אן עצה געבן און קלערן אז דער סארט איז עפעס אנדערש. דער נאצי האלט אוודאי נישט אז מען מעג הרג'ענען מענטשן, נאר ער האלט אז דער איד איז קיין מענטש נישט.

דעריבער טענה'ט פראפעסאר ראָרטי, אז דער יסוד פון מענטשן-רעכטן קומט נישט פונעם עולם השכל, נאר פון עמפאטיע, פון דעם עולם המעשה. וואס מאכט דער מענטש אנדערש מכל חיות היער איז נישט דאס וואס ער 'פארשטייט' בעסער, נאר דאס וואס ער 'שפירט' בעסער און שטארקער. די סיבה פארוואס א מענטש זאל נישט הרג'ענען איז נישט ווייל ער האלט אז מ'טאר נישט - נאר ווייל ער פארשטייט וואס עס מיינט פאר א מאמען צו פארלירן איר קינד; מ'גיבט צדקה נישט ווייל מ'ווייסט אז הונגער איז שלעכט - נאר ווייל מ'קען זיך פארשטעלן די פיין דערפון, אא"וו.

יעצט קומען מיר צוריק צו חז"ל. ס'איז שוין לאנג אנגענומען ביי א גרויסן טייל פון אידישע פילאזאפן און חוקרי התלמוד - ווי דר. פיטער אקס, דר. שאול מגיד, הרב אליעזר שביד, און נאך אנדערע - אז ס'איז פאראן א שטארקע ענליכקייט צווישן די דרכי מחשבה פון חז"ל און די פון די אמעריקאנער פראגמאטיסטן.

פריער האבן מיר געזען אז צווישן די וואס האלטן פון זיך קעגנשטעלן די רוימער זענען דא צוויי מהלכים: אדער האלט מען ווי רבי עקיבא, רבי חנינא בן תרדיון, און רבי יהושע בן קרחה אז "מן השמים ירחמו", אדער האלט מען ווי ר"א בר"ש און פפוס בן יהודה אז "קוצים אני מכלה מן הכרם". יעצט קען מען שוין פארשטיין במאי קמיפלגי: פון א שטאנדפונקט ענליך צו אמעריקאנער פראגמאטיזם איז קלאר אז א פאזיציע פון "מן השמים ירחמו" איז בכלל נישט ייתכן, ווייל לויט אזא פאזיציע מוז א מענטש זיך פירן לויט א מאָסשטאב פון גערעכטיגקייט וואס ליגט אין אן אנדער וועלט, און וואס איז גארנישט אינטערעסירט אין אונזער טאג-טעגליכער רעאליטעט. נאר לויט רבי אלעזר בר' שמעון, אז "קוצים אני מכלה מן הכרם", פירט מען זיך טאקע לויט חשבונות פון אונזער וועלטל.

***

לאמיר יעצט דורכלערנען דעם סיפור רשב"י פונדאסניי, בכל פרטיו ודקדוקיו.

פארציילט די גמרא (שבת ל"ג ע"ב):

*אזל הוא ובריה, טשו בי מדרשא. כל יומא הוה מתיא להו דביתהו ריפתא וכוזא דמיא וכרכי. כי תקיף גזירתא, אמר ליה לבריה: נשים דעתן קלה עליהן, דילמא מצערי לה ומגליא לן.*

רבי שמעון מיט זיין זון זענען זיך געגאנגען באהאלטן פון די רוימער אין בית המדרש. לאמיר זיך אפשטעלן דא און פרעגן: וואס איז געמיינט מיט "אזלו טשו בי מדרשא?" אויב די IRS זוכט עמיצן וואס באצאלט נישט קיין שטייערן, האט אוודאי נישט קיין זין אז יענער זאל זיך אויסבאהאלטן אין זיין אפיס...

נאר מ'דארף פארשטיין אז "בי מדרשא" באדייט א סימבאל פון חכמה; רשב"י האט געהאלטן אז דורך זיין חכמה, א פלאטאנישע סארט חכמה וואס קומט פון זיך אפשיידן פון דער וועלט, דורך דעם וועט ער געראטעוועט ווערן. זאגט די גמרא ווייטער, "כי תקיף גזירתא," ווען דער מצב איז ערגער געווארן, האט ער געהאלטן אז ער דארף זיך נאך מער אפשיידן, אפילו פון דעם אייגענעם ווייב, "אזלי טשו במערתא," האבן זיי זיך באהאלטן אין א הייל, "והוו יתבי עד צוארייהו בחלא" - דער גאנצער גוף זייערער איז געווען ווי באגראבן אין דער ערד אויסער זייערע קעפ, די כלי המחשבה.

וואס האט דאן פאסירט?

*איתיבו תריסר שני במערתא. אתא אליהו וקם אפיתחא דמערתא, אמר: מאן לודעיה לבר יוחי דמית קיסר ובטיל גזירתיה. נפקו, חזו אינשי דקא כרבי וזרעי, אמרין: מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה. כל מקום שנותנין עיניהן מיד נשרף. יצתה בת קול ואמרה להם: להחריב עולמי יצאתם, חיזרו למערתכם.*

נאך צוועלף יאר פון בלויז לערנען, אפגעשיידט אינגאנצן פון דער וועלט, זענען זיי ארויס און "כל מקום שנותנים עיניהם מיד נשרף". כלומר: אזא סארט חכמה, וואס קומט בלויז פון דעם עולם השכל אן קיין שייכות מיט'ן עולם המעשה, מאכט נאר קאליע! און וויאזוי האט זיך דאס געטוישט?

*בהדי פניא דמעלי שבתא חזו ההוא סבא דהוה נקיט תרי מדאני אסא ורהיט בין השמשות. אמרו ליה: הני למה לך? אמר להו: לכבוד שבת. ותיסגי לך בחד! - חד כנגד "זכור" וחד כנגד "שמור". אמר ליה לבריה: חזי כמה חביבין מצות על ישראל. איתיבה דעתייהו.*

זיי זענען אנגעקומען צו יישוב הדעת מיט "חזי כמה חביבין מצות על ישראל", דאס הייסט פון דעם עולם המעשה. זיי האבן אויפגעהערט מאבן חרבנות מיט זייערע חכמה ווען זיי האבן פארשטאנען אז אמת'ע חכמה איז נישט דאס וואס געפינט זיך אין עולם האמת, בניתוק פון דעם עולם המעשה, ווי פלאטאן און דיקארט האבן געהאלטן. פארקערט, אמת'ע חכמה, וואס מאכט נישט קאליע נאר פארבעסערט די וועלט, איז אזא סארט לעבעדיגע חכמה, א חכמה וואס אנטוויקלט זיך דורך און גיבט צו צום עולם המעשה. ס'שטייט נישט "מחשבה תחילה ובסוף מעשה", נאר פארקערט: "סוף מעשה במחשבה תחילה." אוודאי דארף מען א מחשבה תחילה, אבער וועלכע סארט מחשבה? א מחשבה וואס ברענגט צו א סוף מעשה.

יעצט קען מען שוין פארשטיין וואס איך האב פריער דערמאנט אז דער סיפור המערה באצייכנט די עוואלוציע פון ביידע, פון רבי שמעון בר יוחאי און רבי אלעזר בר' שמעון. ווי מיר האבן שוין געזען, אין אנפאנג מעשה האט רשב"י געהאלטן ווי זיין רבי, רבי עקיבא: ער טענה'ט "כל מה שתקנו לא תקנו אלא לצורך עצמן", און דעריבער איז ער געגאנגען זיך אויסבאהאלטן אין בית המדרש, דער סימבאל פון חכמה. אבער ביים סוף פון דער מעשה האבן זיי שוין פארשטאנען אז אזא סארט חכמה ברענגט "להחריב עולמי"; ריכטיגע חכמה איז נישט וואס ברענגט א מענטש צו אפשיידונג, צו זאגן "מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה", נאר דאס וואס ברענגט צו "חזי כמה חביבין מצוות על ישראל".

אלזא קען מען שוין פארשטיין וואס ליגט אין די ווערטער וואס ר"א בר' שמעון האט געענטפערט פאר רבי יהושע בן קרחה: "קוצים אני מכלה מן הכרם." אנדערש ווי דער שעריף וואס טענה'ט "מאי איעבד? הרמנא דמלכא הוא", דאס הייסט ער ניצט כח כדי איינצושפארן גנבים, קומט ר"א בר"ש אויפטון דאס זעלבע מיט'ן ניצן ריכטיגע חכמה.

אמת'ע חכמה איז נישט וואס קומט פון בלויז זיצן אין בית המדרש און זאגן "יבוא בעל הכרם ויכלה את קוציו", נישט דער פראפעסאר וועלכער זיצט אגאנץ לעבן אין אוניווערסיטעט אין גיבט טעאריעס פארוואס מענטשן ליידן, נישט דער פאליטיקאנט וועלכער שיקט סאלדאטן צו א קריג ניטאמאל וויסנדיג וואס פאסירט דארט. חכמה ווערט נאר "אמת" ווען עס רירט אן די וועלט, ווען עס קומט אן דורך עקספעריענס. נאר דאן ווערט אונזער חכמה און פארשטאנד נוצבאר צו פארבעסערן אונזער רעאליטעט. ■

# מיינע נאטיצן פון "אמעריקע"

דורך: בן צרויה



ווען די רעדאקציע האט מיר געמאלדן איבער דעם זכות פון קענען שרייבן אין דער וואונדערליכער "כוואליעס" אויסגאבע, בין איך באלד געווארן ענטוזיאסטיש ארײנצושיקן אן ארטיקל. אבער די קוואליטעט פון די ארטיקלען אין די פארגאנגענע אויסגאבעס האט מיך צוריקגעהאלטן - כ'האב געוואוסט אז ס'וועט זיין שווער צו קאנקורירן מיט אזא ניווא.

אבער נאכ'ן דעבאטירן האב איך באשלאסן דאס ארײנצושיקן, אפשר וועלן מיינע ווערטער האבן עפעס א ווערד. אפשר דווקא איך, אלס אן איינוואוינער אין ארץ ישראל - וועלכע האט נאכנישט זוכה געווען אז די אויסגאבע זאל דארט ערשיינען - וועל קענען אביסל אראפגעבן מיינע איבערלעבענישן וואס כ'האב מיטגעלעבט ביי מיין לעצטן באזוך אין אמעריקע.

"אמעריקע" האב איך געשריבן? דאס איז אן איזראעלי סלענג פאר געציילטע געגנטער אין ברוקלין און אפסטעיט ניו יארק, וואס דאס רופן מיר "אמעריקע". ווי מיין גאסטגעבער, א פארשטענדליכער קרוב משפחה, האט מיר אנגעמערקט ווען כ'האב אים אנגעצייגט אויפ'ן אינטערעסאנטן פאפולערן פענאמען פון "היטשעס" אין אמעריקע. ער האט געענטפערט, מיט היפש רעכט, אז ער ווייסט נישט גענוי דעם מצב אין די צוויי אמעריקאנער קאנטינענטן, ניטאמאל אין צפון אמעריקע, אפילו איבער די פאראייניגטע שטאטן איז ער נישט אינגאנצן באהאוונט, און פארשטייט זיך אויך נישט אין ניו יארק. מעגליך, האט ער אויסגעפירט, איז דאס דער מצב אין די חרד'ישע געגנטער אין ברוקלין...

אבער יא, דער אידנ'צענטרישער - אדער גאר חסידימ'צענטרישער - בליק מיט וועלכן איך בין אויפגעוואקסן, אין וועלכן די גאנצע וועלט דרייט זיך ארום חסידים און אלעס ווערט געזען פון זייער פריזמע, ברענגט מיך צו רופן מיין באזוך-דעסטינאציע "אמעריקע", ווייל וואס האט קאלאמבוס אנטדעקט אויב נישט בארא פארק און מאנסי? - גענוי ווי מיינע ישיבה-חברים האבן באטראכט די האלב איינגעפאלענע אונגארישע הייזער אין מאה שערים ווי דער ישראל'ישער בוי סטאנדארט.

אבער ס'דאכט זיך מיר, אז מיט אלע אומפינקטליכקייטן אין די געאגראפישע טערמינען פונעם ארט וואס כ'האב באזוכט - איז פאראן דערין אסאך אמת. נישט אומזיסט האבן די חרד'ישע געגנטער אין אמעריקע זיך ערווארבן דעם טיטל פון א וועלט, אפגעזונדערטן

קאנטינענט - ווייל דאס איז עס באמת. סיי אין קאנטראסט צו איר נאנטן שכן מאנהעטן - וואו כ'האב אפגעשטאט א קורצן באזוך וואס האט מיר געעפנט דעם אפעטיט פאר נאך - און אוודאי אין קאנטראסט צו מיין וואוינארט, ארץ ישראל. אדער צו זיין מער פינקטליך, איינע פון די חרד'ישע שטעט אין ארץ ישראל.

*

איידער איך גיי ווייטער, וויל איך עפעס קלארשטעלן. איך טייל דא מיט מיינע סוביעקטיווע איבערלעבענישן, וואס אין דעניפיציע שטאמען זיי פון מיינע הנחות און אקסיאָמען וואס כ'האב געהאט איידער מיין באזוך. ס'איז זייער מעגליך, און אפילו ערווארטעט, אז ס'וועלן זיין ליינער וואס וועלן זיך נישט אידענטיפיצירן מיט וואס איך שרייב, אדער האלטן אז ס'איז הוילע שטותים. אבער איך ערלויב מיך, דאס מאל, אראפצואווארפן מיין ערנסט פארש היטל און שרייבן לייכטער און מער אנגענעם - פאר מיר, און האפנטליך אויך פאר די ליינער.

צוריק צו מיין באזוך. איך בין צוגעגאנגען צו מיין רייזע מיט אן אנטראפאלאגישן נייגער, באוואפנט מיט אינערליכע געצייג צו דערגיין די אינטערעסאנטע כאראקטערס פון אט דער געזעלשאפט - די חסיד'ישע געזעלשאפט אין ניו יארק. איך ווייס אז איך זינדיג מיט'ן זינד פון אלע אנטראפאלאגן און סאציאלאגן לאורך הדורות, און דאס איז דער רייץ פאר האמאגעניטעט; דער ווילן צו לייגן א קעסטל ארום א געזעלשאפט, איר פארשפארן דערין, און דורך דעם מסביר זיין אלע אירע אייגנשאפטן. דאס איז א זינד און בעיקר א שארט-קאט - א פרואוו זיך צו שפארן מיט דעם מהלך פון דארפן ערקלערן פיל איינצלנע פעלער.

אבער כ'מיין אז אויך דא איז גילטיג אָקאַמ'ס רעיזאר, אויך באקאנט אין די ישיבות אלס א באקאנט "ווארט פון ר' חיים" בריסקער אויף די סימנים פאר א שוטה אין גמרא חגיגה (ג, ב).

די גמרא גיבט דארט דריי סימנים פאר א



שוטה, און פירט אויס אז אלע דריי סימנים מוזן זיין כדי דער מענטש זאל קוואליפיצירן אלס שוטה. ר' חיים איז מסביר אז כאטש יעדער סימן פאר זיך איז נישט גענוג, ווייל מ'קען עס פארענטפערן און ס'איז נישט מוכרח אז ער איז א שוטה, זענען אלע דריי צוזאמען יא גענוג אים צו מאכן פאר א שוטה. ווייל אנשטאט דארפן געבן דריי עקסטערע תירוצים פאר יעדן סימן, איז גרינגער צו זאגן דעם פשוט'סטן תירוץ: ער איז א שוטה.

דעריבער מיין איך אז איך קען גיין אין ר' חיים'ס פוסטריט, וועלכער האט זוכה געווען צו שניידן מיט אקאמ'ס רעיזאר אן דעם וואס ער זאל אפילו וויסן דערפון. דער פשוט'סטער הסבר וואס כ'קען געבן - דאס וועל איך ניצן. פשוט און פראסט.

*

פון אלעם וואס כ'האב געזען און מיטגעלעבט, האבן דריי זאכן ספעציעל ארויסגעשטארצט אין קאנטראסט צום חסיד'ישן לעבן אינדרויסן פון אמעריקע: די אמעריקאנער "סאטמאריזאציע", דער צוגאנג צו ארבעטן און ברענגען פרנסה, און דער מאטעריאליסטישער לעבנס-ניווא.

כ'וועל אנהייבן מיט דעם פענאמען וואס האט מיך דאס מערסטע איבערראשט.

די סאטמאריזאציע האט מיך דאס מערסטע ערשטוינט. די מאכט וואס סאטמאר האט איבער די אמעריקאנער חסיד'ישע קהילות איז ארויס פון יעדער פראפארציע אין פארגלייך צו סיי וועלכן אנדער חסידות, און אודאי קעגן זייער געוויכט אין ארץ ישראל. כ'רעד נישט, פארשטייט זיך, וועגן א ספעציפישן סאטמאר, נאר איבער אלגעמיינעם סאטמאריזם; חסידות'ער וואס זענען 'סאטמאר געשטימט' (נאך א געניאלע אמעריקאנער ערפינדונג).

די מאכט פון סאטמאר דריקט זיך אויס נישט בלויז אין זייערע אוועקגעשטעלטע אינסטיטוציעס איבער גרעיטער ניו יארק, נאר אויך אין זייער דאמינאנץ אויף דעם חסיד'ישן צייט-גייסט אין אמעריקע.

אין דער צייט וואס אין ארץ ישראל איז די דעבאטע ארום ציונים אדער ציונות גלייך צו דער דעבאטע איבער דעם משיחות פון שבתי צבי - אור-אלט און נישט רעלעוואנט, אפגעזען וואס דיין שטעלונג דערויף איז, האב איך באמערקט אז אין אמעריקע רעדט זיך עס פון א לעבעדיגער דעבאטע, אפילו ביי די וואס זענען נישט קיין שום פראבלעם מיט ציונות.

די סאטמאריזאציע האט מיך געכאפט אין איבערראשונג. וויפיל כ'האב מיך געגרייט דערצו, איז עס נאכאלץ געווען אן איבערראשונג צו זען אזויפיל שפיצלעך און ביבער-הוטן פייערן אויף די ניו יארקער גאסן - אויף א פארנעם וואס כ'בין בכלל נישט געוואוינט צו זען. נאר נאכ'ן אנקומען און דאס איבערלעבן האב איך פארשטאנען ווי אנדערש די ישראל'ישע חסידות'ער זענען.

די סאטמאריזאציע קומט אויך מיט א געוויסן פַּאטראָנאַט און אבסעסיווער באשעפטיגונג אין העמדת הדת על תילה, פיל מער ווי אין ארץ ישראל, ווי ס'זאגן עדות די פארשידענע קול קורא'ס און גליונות (וואס בדרך אגב, זענען אלע געשריבן מיט א פארצייטישן צעקאליעטשטן עברית - אזוינס וואס כ'בין געוואוינט צו זען בלויז אין די ארכיוון פון דעם אויסגעראטענעם אייראפעאישן אידנטום).

אבער פון דער אנדערער זייט קוקט אויס ווי די אינפאסירונג איז פיל וויניגער אפעקטיוו - וויניגער אפעקטיוו און וויניגער קאנצענטרירט אויפ'ן אינדיווידועלן לעבן. וויפיל די עפנטליכקייט האט פארלאנגט פון מיר זיך צוצושטעלן, אזש ווען כ'בין בטעות געגאנגען איינקויפן מיט מיין בלויזער רבי'שער ריבס, האבן די פיל בליקן אויף מיין הוטלאזן קאפ זיך גוט געשפירט (א קאפל האב איך יא געהאט, איך ווייס ווייל כ'האב געטשעקט...) - האב איך מיך נישט געקענט גענוג אפוואונדערן

פון דעם פאקט אז דאס פערזענליכע לעבן איז אזוי פריי. אנגעהויבן פון דעם אינטערנעט, וואס ווי ס'קוקט אויס איז די מלחמה געענצליך א פארלוירענע, ביז דעם טאג-טעגליכן מערב-וועלט סטיל לעבן, און אפילו דער פשוט'ער פאקט אז מענטשן ארבעטן.

ס'איז געווען ממש דערפרישנד ווען כ'האב באגעגנט איינעם, מיט מיין פולער חסיד'ישער (רבי'שער) טראגע, און יענער פרעגט מיך, "וואס טוסטו פאר פרנסה?" - א שאלה וואס קיינער וואלט מיך אין ארץ ישראל נישט געפרעגט.

דארט וועט מען מיך פרעגן "וואו לערנסטו?" "אין וועלכן כולל?" - נישט ווייל יעדער לערנט דארט טאג און נאכט, נאר ווייל דער כלל איז אז יעדער חרדי איז א כולל יונגערמאן. אפילו איך, וואס צו מיין פרייד פארמאג איך א קביעות'דיגע פול-טיים ארבעט, האב א כולל וואו איך לערן. א כולל וואו כ'האב נישט באוויזן מיין פנים פאר דער לעצטער האלבע יאר - אבער ס'איז מיין כולל. יעדער האט א כולל. אפילו א מגי"ש פאר איין סדר וועט האבן א כולל וואו ער פארברענגט דעם איבריגן חלק טאג, אדער וועט ער לפחות אזוי זאגן.

יא, ס'זענען פארהאן פעלער וואס מ'קען קווענקלען לויט'ן דרויסנדיגן אויסקוק פונעם מענטש צי ער לערנט אין כולל אדער נישט (נישט ביי מיר; יעדער "ווייסט" אז איך בין א כולל יונגערמאן), און דאן וועט די פראגע אוודאי נישט זיין "וואו ארבעטסטו?" נאר "וואס טוסטו איבער'ן טאג?" אדער אין עברית: "במה אתה עוסק?"



דרך אגב, עברית איז די דאמינירנדע שפראך אין ארץ ישראל. רוב חרדים און אפילו רובא דרובא חסידים רעדן עברית. דאס איז די שפראך. ביי די פרויען איז אפגערעדט, דארט קען דאס רוב בכלל נישט קיין אידיש, אבער אפילו אין מענער שול איז די דיפאלט שפראך עברית, און ס'האט מיך איבערראשט אז דער עולם אין אמעריקע ווייסט נישט דערפון.

צוריק צו ארבעטן. דער פאקט אז איך פארמאג א געהעריגן דזשאב - עפעס וואס האט זיך מיר געפילט מאדנע אז מ'מעג דאס געהעריג פארציילן פאר חסיד'ישע יונגעלייט - האט מיר אויך צוגעברענגט א שטיקל סקאנדאל...

צו מיין באזוך קיין אמעריקע איז אויך מיטגעקומען מיינער א באקאנטער פון ארץ ישראל, א משפחה-מיטגליד וועם איך שעץ זייער שטארק, אבער ווי פארשטענדליך ווייסט ער גארנישט איבער מיין ארבעט. האט זיך געמאכט אז איך בין געפארן מיט אים אין א קאר צוזאמען מיט אן אנדער פאסאזשיר פאר וועמען כ'האב פארציילט איבער דער פירמע פאר וועם איך ארבעט, לאמיר איר רופן עקס (אנטשולדיגט אילאן, כ'מיין נישט דיר...).

עקס איז גאר א באקאנטע פירמע, און יעדער



האט שוין געהערט פון איר. ווען כ'האב געהאט פארציילט פאר יענעם אז איך ארבעט דארט, איז ער געווען זייער נייגעריג צו הערן מער; ער קען די פירמע, און ווייסט אויך בערך וואס מיין ארבעט איז.

בכל אופן, פארן מיר אזוי געמיטלעך, דער אמעריקאנער יונגערמאן, מיין קרוב משפחה און איך, און אינמיטן וועג פרעגט מיך יענער, וואס האט בכלל נישט געכאפט ווי סענסיטיוו דער נושא איז, "סאו האסט מיר געזאגט אז דו ארבעטסט פאר עקס?"

הערנדיג די פראגע בין איך רויט געווארן פון קאפ ביז פיס. כ'האב געבליקט זייטיג צו מיין קרוב צו זען זיין צעטומלטע רעאקציע, און איך האב געוואוסט אז כ'וועל דארפן טרעפן א וועג אפצוהאלטן דעם פייער וואס קען אט אט אויסברעכן.

כ'האב מיך באלד אריענטירט און באשלאסן צו ניצן א סטראטעגיע באקאנט אין אונזערע קרייזן, און מיך אנגערופן, "וואס הייסט 'איך ארבעט'? - איך מאך פאר זיי זאכן." איך מאך זאכן און זיי באצאלן, אבער איך ארבעט נישט חלילה... (בשעת'ן שרייבן די שורות האט חיליק רוזנברג, א חרד'ישער כולל יונגערמאן פון בני ברק, ארויפגעשטעלט א ווידעא אויף פעיסבוק וואו ער איז מסביר ווי אזוי ס'איז נישט קיין סתירה דאס אז ער איז א טורגייד פאר פרייע אין בני ברק און אויך א כולל יונגערמאן. "א כולל יונגערמאן מעג נישט פארדינען קיין געלט?!" ווינדערט זיך רוזנברג מיט רעכט. דאס איז דער ישראל'ישער געדאנקענגאנג: דו קענסט 'מאכן זאכן' און נעמען געלט דערפאר, אפילו אויב ס'איז אין אן אפיס און אפילו אויב ס'איז אגאנצן טאג, אבער דו קענסט נישט האבן קיין "דזשאב"...

אין איין ווארט: אין אמעריקע רעדסטו איין דעם שווער - אדער דאס ווייב, אין מער טראגישע פעלער - אז דו האסט א דזשאב, און אין א"י רעדסטו זיי איין אז דו האסט נישט קיין דזשאב...

אבער א מעגליכער רעזולטאט פון דער אמעריקאנער ארבעטס-קולטור איז דער הויכער לעבנס-ניוואו - נאך עפעס וואס האט מיך איבערראשט, לאו דווקא צום גוטן. א לעבנס-ניוואו וואס האט מיך ממש ערשטוינט. יונגעלייט וואס מאכן נישט קיין פעטע געהאלטן לעבן אין סטאנדארטן פון וועלט'ס עשירים. איך האב נישט מצליח געווען צו טרעפן א פינאנציעלע לאגיק דערין.

כ'ווייס נישט צי די צוויי זענען באמת פארבונדן, אבער כ'האב געשפירט זייער מאדנע פון דעם פאקט אז יונגעלייט פון ארץ ישראל וואס זייער טאטאלער ווערד - דירות, אייגנטומען, און אפילו זייער מאנאטליכע הכנסה - איז פיל מער ווי דאס פון דעם אמעריקאנער יונגערמאן צו וועם ער ווענדט זיך נאך געלט; אלעס וואס דער יונגערמאן האט איז א צוויי טויזנט דאלארדיגער וועכנטליכער געהאלט - און פארט וועט דער ארץ ישראל'דיגער באקומען נדבות אלס נויטבאדערפטיגער.

איך האב טאקע נישט מצליח געווען צו טרעפן א פינאנציעלע בארעכטיגונג פאר די רייכע אוונטן ביי וועלכע כ'האב מיך באטייליגט, אבער מ'קען נישט זאגן אז כ'האב נישט הנאה געהאט - מיט אלע מיינע מה-יפית קריטיק - פון דער קולינארישער ערפארונג. די גאסטראנאמיע איז קלאר מיט עטליכע שטאפלען העכער ווי אין ארץ ישראל, און ס'איז געשמאק צו זען די לייכטקייט מיט וואס די עבודת האכילה גייט צו אין אמעריקע.

צום שלוס: ס'איז שווער צוזאמצונעמען אזא איבערלעבעניש, אן אנטראפאלאגישע איבערלעבניש וואס איך האף נאכאמאל איבערצולעבן, אבער אויף דערווייל וועל איך מיך באגנוגענען צו לעבן מיט די ישראל'ישע סטאנדארטן, לטב ולמוטב - טראץ דעם פאקט אז איך האב יא א דזשאב- כ'מיין, איך טו זאכן פאר מענטשן... ■

# די אידישע נעמען פאר די פלאנעטן



**א רייזע דורך שטערנס, קולטורן, און געשיכטע**

דורך: אפענער

ווען מיר קוקן ארויף צום הימל ביינאכט, זעען מיר א וועלט פון שטערנס וואס שיינען און פינקלען איבער אונזערע קעפ. פאר טויזנטער יארן האבן מענטשן באמערקט אז געוויסע שטערנס וואנדערן אנדערש ווי די אנדערע. די "וואנדערער", אדער אין גריכיש "פלאנעטן", האבן געכאפט די אויפמערקזאמקייט פון אונזערע אור-עלטערן און געפירט צו גאנצע קולטורן פון אבזערוואציעס, גלויבונגען, און מיסטיק.

היינט צוטאגס ווייסן מיר אז פלאנעטן זענען גרויסע קערפערס וואס דרייען זיך ארום א שטערן, ווי למשל אונזער זון, און אז אונזער וועלט איז איינער פון זיי. אבער אמאל איז געווען א גאנץ אנדער פארשטאנד: רוב שטערנס אין הימל מאכן זייער צירקל ארום אונזער וועלט אלע צוזאמען, אבער עטליכע "שטערנס" גייען אויף זייער אייגענעם מהלך - דאס זענען די זון, די לבנה, און פינף אנדערע פלאנעטן וואס קענען געזען ווערן מיט'ן נאקעטן אויג.

## נעמען פאר די טעג

וואס איז דאס שייכות צווישן די זיבן פלאנעטן און די זיבן טעג פון דער וואך?

היינט, ווען מיר הערן די נעמען פאר די טעג פון דער וואך, זונטאג, מאנטאג, אא"וו, באמערקן מיר קוים זייער אסטראנאמישן און אסטראלאגישן אפשטאם, אבער באמת עס איז אן אינטערעסאנט איבערבלייבעניש פון אן אלטן פארשטאנד אין דעם אוניווערס.

די זיבן טעג פון דער וואך זענען צוגעטיילט געווארן צו די זיבן פלאנעטן לויט א סיסטעם גערופן "פלאנעטארישע שעות" (Planetary Hours). יעדע שעה פון טאג און נאכט איז צוגעטיילט געווארן צו אן אנדער פלאנעט, לויט'ן סדר, און דער פלאנעט וואס האט באקומען די ערשטע שעה פונעם טאג האט געגעבן דעם נאמען פאר דעם גאנצן טאג. די ערשטע שעה פון דער וואך איז געגעבן געווארן פאר דער זון, און פון דארט איז עס ווייטער געגאנגען. אזוי איז געבוירן געווארן דער סדר פון אונזער וואך וואס מיר קענען נאך ביז היינט. דעם סדר טרעפט מען אויך אין גמרא (ברכות נט: וברש"י שם).

כמעט יעדע קולטור און שפראך האט געהאט אירע אייגענע נעמען פאר די פלאנעטן. אבער אינטערעסאנט איז אז זיי האבן אפט צוגעטיילט די זעלבע כאראקטערס פאר ספעציפישע פלאנעטן

- אפילו אין אפגעטײלטע סעמיטישע און אינדאָ-אײראָפּעאישע שפּראַכן, מיט װײניג פאַרבינדונג צװישן זײ.

## די זון און לבנה - די ערשטע צװײ פּלאַנעטן

איידער מיר רעדן וועגן די פינף אנדערע פלאנעטן, לאמיר קודם פארשטיין די נעמען פאר דער זון און לבנה, וואס זענען אויך גערעכנט געווען אלס פלאנעטן אין דער אלטער וועלט.

### די זון: שמש און חמה

די זון ווערט אנגערופן אין לשון הקודש "שמש", א נאמען וואס געפינט זיך אין אלע סעמיטישע שפראכן. ביי געוויסע פעלקער איז "שמש" געווען דער נאמען פאר א זון-גאט, אבער עס איז ווארשיינליך אז די זון האט פריער געהייסן שמש, און דער נאמען איז שפעטער באנוצט געווארן פאר דעם גאט.

נאך א נאמען פאר דער זון איז "חמה", וואס שטאמט פון דעםווארט "חום" - היץ, צוליב דער היץ וואס די זון שיקט ארויס. מען טרעפט אויך דעם נאמען "חרס" אין תנ"ך, אבער דער פינקטליכער באדייט פון דעם נאמען איז נישט אינגאנצן קלאר.

אין די אינדאָ-אייראפעאישע שפראכן ווערט די זון גערופן "זון" (sun) אין פארשידענע ווואריאציעס. דערפון קומט דער נאמען פאר'ן ערשטן טאג פון דער וואך: Sunday אדער "זונטאג".

### די לבנה: ירח און לבנה

די לבנה ווערט געווענליך אנגערופן אין תנ"ך "ירח", וואס דאס איז דער נאמען פאר דער לבנה אין די סעמיטישע שפראכן. דער זעלבער נאמען ווערט אויך באניצט פאר א חודש, וואס איז דער מהלך פון דער לבנה. געוויסע האלטן אז דער נאמען "ירח" שטאמט פונעם שורש "אורח", וואס באדייט "וועג", אנדייטנדיג אז די לבנה וואנדערט ארום אין הימל אויף איר אייגענעם מהלך.

א צווייטער נאמען איז "לבנה", וואס מיינט "ווייס", צוליב איר ווייסן קאליר.

אין די אינדא-אייראפעישע שפראכן ווערט די לבנה גערופן "מון" (moon) אין פארשידענע ווואריאציעס. דערפון קומט דער נאמען פאר דעם צווייטן טאג פון דער וואך: Monday אדער "מאנטאג".

## די פינף פלאנעטן

אנדערש ווי די זון און די לבנה וואס האבן שוין געהאט נעמען מאז ומקדם, און זייערע נעמען זענען נאר נאכדעם פארוואנדלט געווארן אין נעמען פון געטער ווי פריער דערמאנט, האט ביי די פינף כוכבי לכת פאסירט דאס פארקערטע: ווען מ'האט אנערקענט זייער עקזיסטענץ האט מען צו זיין צוגעשטעלט נעמען פון עקזיסטירנדע געטער און זיי זענען גערופן געווארן על שמם.

### די בבליים

די בבלים, מיט זייער פארגעשריטענער אסטראנאמיע, האבן שוין אידענטיפיצירט די פינף פלאנעטן מיט טויזנטער יארן צוריק. זיי האבן געגעבן יעדן פלאנעט א נאמען נאך איינעם פון זייערע געטער:

- **שבתאי:** נינורטאַ (Ninurta), דער גאט פון אגריקולטור און קריג.
- **צדק:** מרדוך (Marduk), דער הויפט גאט וואס איז אחראי אויף באשאפונג און גערעכטיגקייט. ער ווערט אויך אנגערופן בֵּל און ווערט דערמאנט אין ירמיהו (נ:ב): הֹבִישׁ

בֵּל חַת מְרֹדָךְ.

- **מאדים:** נערגאל (Nergal), דער גאט פון קריג און חורבן. (דער נאמען נֵרְגַל שַׁרְאֶצֶר וואס ווערט דערמאנט אין ירמיהו לט:ג, קומט פון דעם גאט.)
- **נוגה:** אישטאַר (Ishtar), די געטין פון ליבע און שיינקייט.
- **כוכב:** נבו (Nabu), דער גאט פון שרייבן און חכמה (דערמאנט אין ישעיהו מו:א).

## די גריכן

די גריכן האבן פארגעזעצט די טראדיציע, צוטיילנדיג זייערע אייגענע געטער צו די פלאנעטן:

- **שבתאי:** קראָנוס (Cronus), דער גאט פון אגריקולטור און צייט.
- **צדק:** זעאוס (Zeus), דער הויפט גאט פון הימל, דער גאט פון דונער און בליץ, און דער וואס איז פאראנטווארטליך אויף געזעץ און גערעכטיגקייט. (אנטיוכוס דער פינפטער האט אויפגעשטעלט אין בית המקדש א געשטאלט פון זעאוס, און דאס איז די כוונה פונעם פסוק אין דניאל יא:לא, וְנָתְנוּ הַשִּׁקּוּץ מְשׁוֹמֵם.)
- **מאדים:** אַרעס (Ares), דער גאט פון קריג.
- **נוגה:** אַפראָדיטע (Aphrodite), די געטין פון ליבע און שיינקייט (דערמאנט אין משנה עבודה זרה ג:ד).
- **כוכב -** הערמעס (Hermes), דער גאט פון האנדל און קאמוניקאציע.

## די רוימער

די רוימער האבן איבערגענומען פיל קאנצעפטן פון די גריכן, אבער מיט זייערע אייגענע געטער-נעמען:

- **שבתאי:** סאַטורן (Saturn), דער גאט פון אגריקולטור און צייט (פון דעם קומט Saturday). די חגא פון דעם גאט, סאַטורנאַליע, ווערט דערמאנט אין מסכת עבודה זרה (ח.) אלס "סטרנורא".
- **צדק:** יופיטער (Jupiter), דער הויפט גאט פון הימל, דער גאט פון דונער און בליץ, און דער וואס איז פאראנטווארטליך אויף געזעץ און גערעכטיגקייט.
- **מאדים:** מאַרס (Mars), דער גאט פון קריג.
- **נוגה:** ווענוס (Venus), די געטין פון ליבע און שיינקייט.
- **כוכב:** מערקורי (Mercury), דער גאט פון האנדל און קאמוניקאציע. (דאס איז דער שורש פון דעם נאמען מרקוליס דערמאנט אין חז"ל, אבער דארט ווערט עס גענוצט פאר פארשידענע געטער.)

## די נאָרדישע פעלקער

אין אלט סקאַנדינאַוויע, אין צפון אייראפע, האבן די נארדישע פעלקער אויך צוגעטיילט זייערע געטער צו די פלאנעטן, וועלכע שפיגלען זיך אפ אין די דייטשע און ענגלישע נעמען פאר די טעג פון דער וואך:

- **שבתאי:** הײמדאַל (Heimdall), דער וועכטער פון די געטער.
- **צדק:** טאָר (Thor), דער גאט פון דונער (פון דעם קומט Thursday און דאנערשטאג).
- **מאדים:** טיר (Tiw/Tyr), דער גאט פון קריג און גערעכטיגקייט (פון דעם קומט Tuesday און דינסטאג).
- **נוגה:** פרעיאַ (Freya), די געטין פון ליבע און שיינקייט (פון דעם קומט Friday און פרייטאג).
- **כוכב:** אָדין (Odin), דער הויפט גאט פון חכמה און מאגיע (פון דעם קומט Wednesday).

## די אידישע נעמען - טיף און באדייטפול

פאר אידן, וואס האבן זיך אפגעהיטן פון עבודה זרה, האבן די פלאנעטן נישט געטראגן די נעמען פון געטער. אנשטאט דעם, האבן זיי באקומען נעמען וואס שפיגלען אפ זייערע פיזישע אייגנשאפטן אדער רוחניות'דיגע באדייטונגען. פארט טרעפט מען אבער אין דעם איבערבלייבענישן פונעם "מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו".

די נעמען וואס ווערן היינט באניצט טרעפן מיר שוין אין חז"ל (שבת קנו.), אבער ס'איז אויך דא אן אנדער פריערדיגער מקור וואס גיבט אן אנדערע נעמען. עפּיפאַניאוס פון סאַלאַמיס (Epiphanius of Salamis), א פריער-קריסטליכער געלערנטער און בישאף פון דעם פערטן יארהונדערט, וועלכער איז געבוירן צו אידישע עלטערן, האט פארפאסט א בוך וואס באשרייבט פארשידענע רעליגיעס און גלויבונגען מיט'ן נאמען "פּאַנאַריאָן" (Panarion). דארט שרייבט ער וויאזוי די שטערנס ווערן גערופן, און געוויסע פון זיי זענען באדייטפול אנדערש פון וויאזוי מיר קענען זיי. מיר וועלן דערמאנען די נעמען וואס זייער באדייט איז קלאר.

### שבתאי: דער לאנגזאמער, שטענדיגער שטערן

דער פלאנעט שבתאי איז אריגינעל גערופן געווארן "כיון" (קֵיוָן/Kēwān) אין די סעמיטישע שפראכן, א נאמען וואס קומט פון אן אקאדישווארט "קייאַמאַנוּ" (Kajamanu) מיינענדיג "שטענדיג" אדער "שטייענדיג". דאס איז פונעם זעלבן שורש ווי דאס ווארט "קיים" אין לשון-קודש. דער נאמען איז געגעבן געווארן צוליב דעם וואס פון אלע כוכבי לכת רוקט זיך שבתאי די לאנגזאמסטער איבער דעם נאכט-הימל. דער ווארט איז שפעטער אויך אריין אין פערסיש (Kayv͏̄n).

אין תנ"ך טרעפן מיר א קלארע דערמאנונג צו דעם נאמען אין עמוס (ה:כו): וּנְשָׂאתֶם אֵת סִכּוּת מַלְכְּכֶם וְאֵת כִּיּוּן צַלְמֵיכֶם כּוֹכַב אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם לָכֶם. פון דעם פסוק זעט אויס אז "כיון" באציט זיך צו א געשטאלט וואס סימבאליזירט דעם שטערן.

דער נאמען "שבתאי" קומט פון דעם ווארט שבת אדער שביתה - רוען און אן אפשטעל פון באוועגונג. עפיפאניאוס רופט עס טאקע אן "כוכב שבת", ענליך צו ווי מיר רופן היינט די אנדערע שטערנס וואס באוועגן זיך נישט "כוכבי שבת".

עס איז מערקווירדיג, אז לויט דעם סיסטעם פון פלאנעטארישע שעות איז טאקע שבתאי דער פלאנעט וואס געוועלטיגט אין דער ערשטער שעה פון שבת בייטאג.

### צדק: דער הויפט פלאנעט פון גערעכטיגקייט

דער פלאנעט צדק איז דער גרעסטער אין אונזער זון-סיסטעם. עס איז אינטערעסאנט אז דער נאמען "צדק" באציט זיך צו גערעכטיגקייט און ארדענונג, און די געטער צוגעשטעלט צו דעם פלאנעט אין אנדערע קולטורן (ווי זעאוס און יופיטער) האבן אויך א שייכות מיט אוועקשטעלן געזעץ און ארדענונג אויף דער וועלט.

עפיפאניאוס באריכטעט אז אידן האבן גערופן דעם פלאנעט "כוכב בעל" - דער שטערן פון בעל. דאס איז ווארשיינליך צוליב דער ענליכקייט צום בבליש'ן גאט מרדוך, וואס טראגט אויך דעם נאמען "בל", וואס באדייט אויך "הויפט" גענוי ווי בעל. אזוי אויך איז בעל - כאטש וואס ער איז דער זון פון 'אל' אין דער כנענ'ישער מיטאלאגיע - פאררעכנט ווי דער הויפט גאט, און דער גאט פון וועטער און שטורעמס, ענליך צו די געטער זעאוס און יופיטער וואס האבן באקומען צוגעטיילט דעם שטערן אין די גריכישע און רוימישע קולטורן.

דער נאמען צדק איז ווארשיינליך געקומען

צו מינימיזירן אט די פאגאנישע השפעה, און עס טראנספארמירן אין עפעס א מידה און קוואליטעט. מרדוך איז טאקע געווען דער גאט פון גערעכטיגקייט, און זעאוס און יופיטער זענען אויך געווען אחראי אויף געזעץ, וואס מאכט צדק א פאסיגער נאמען.

עס איז אויך מעגליך אז דער נאמען "צדק" האט א פארבינדונג מיט א כנעני'שן גאט גערופן "סידיק" (Sydyk). נעמען ווי "מלכי-צדק" און "אדוני-צדק" ווייזן אויך אז צדק איז געווען א נאמען פון א גאט, נאך וואס אין יענע צייטן זענען אסאך נעמען געווען צוזאמענגעשטעלט פון א געטליכן נאמען און נאך א ווארט. מערקווירדיג אז מלכי-צדק ווערט בפירוש דערמאנט אלס "כהן ל'אל עליון" - דער העכסטער גאט.

עס איז מעגליך אז אין לויף פון צייט איז דער געטליכער פיגור "צדק" פארבונדן געווארן מיט דעם העכסטן גאט "אל", און שפעטער - פונקט ווי אל - צוזאמענגעשטעלט געווארן מיט דעם אידישן גאט י-ה-ו-ה. דערמיט קענען מיר פארשטיין פארוואס דער פלאנעט האט באקומען דעם נאמען "צדק", וויבאלד אנדערע קולטורן האבן צוגעטיילט דעם פלאנעט צו זייערע הויפט-געטער, האבן אידן זיך אפגעהיטן פון אנצורופן דעם פלאנעט מיט א געטליכן נאמען. אנשטאט דעם האבן זיי גענוצט דעם נאמען "צדק", וואס רעפרעזענטירט א געטליכע קוואליטעט פון גערעכטיגקייט.



## מאדים: דער רויטער פלאנעט פון בלוט

דער נאמען "מאדים" קומט פון דעם רויטן קאליר פון דעם פלאנעט, וואס דערמאנט אויך בלוט. דאס איז פונקט ווי אין אנדערע קולטורן, וואו דער פלאנעט איז צוגעטיילט געווארן צום גאט פון מלחמה. חז"ל האבן זיך באצויגן צו דער אסטראלאגישער השפעה פון מאדים אין גמרא שבת (קנו.): "האי מאן דבמאדים, יהי גבר אשיד דמא" (דער וואס איז געבוירן אונטער מאדים וועט זיין א מענטש וואס פארגיסט בלוט). רב אשי לייגט צו אז דאס קען זיין א כירורג, א גנב, א שוחט אדער א מוהל - אלע וואס האבן צוטון מיט בלוט.

## נוגה: דער שיינענדיגער פלאנעט

דער באדייט פון "נוגה" איז "שיין" אדער "גלאנץ", וואס פאסט פאר'ן ליכטיגסטן פלאנעט אין אונזער הימל (אויסער דער זון און לבנה). עפיפאניאוס ברענגט נאך צוויי נעמען: "זוהרה" (Zoharah) וואס עס ווערט נאך היינט כמעט אזוי אנגערופן אין אראביש) און "לוהט" (Lohat), וואס ביידע ציילן אן אויף דער שטארקער שיין פון דעם פלאנעט.

כאטש מיר טרעפן נישט דא קיין זכר צו די פאגאנישע געטער פון ליבע וואס זענען צוגעטיילט געווארן צו דעם פלאנעט אין די גריכישע און רוימישע קולטורן, טרעפן מיר אבער אן אינטערעסאנטע פארבינדונג אין גמרא שבת (שם): "האי מאן דבכוכב נוגה, יהי גבר עתיר וזנאי" (דער וואס איז געבוירן אונטער נוגה וועט זיין רייך און האבן א נייגונג צו זנות). די סיבה וואס ווערט געגעבן איז "משום דאיתיליד ביה נורא" (ווייל פייער איז באשאפן געווארן אונטער דעם).

דאס ציינט אויף אן ענליכקייט צווישן דער פייער-נאטור פון נוגה און דער ליבע-נאטור פון די גריכישע און רוימישע געטער אין אן אינטערעסאנט שייכות פון פייער, ליכטיגקייט און ליבע.

## כוכב: די זון'ס שטערן

דער נאמען "כוכב" אליין מיינט פשוט "שטערן", וואס זאגט נישט קיין סאך, אבער אין געוויסע מאנוסקריפטן פון גמרא און אין ספר יצירה ווערט עס אויך גערופן "כוכב חמה". דאס שטימט זייער גוט מיט דער גמרא וואס באצייכנט דעם פלאנעט ווי "ספרא דחמה" - דער סעקרעטאר פון דער זון, וואס באציט זיך צום פאקט אז דער פלאנעט איז נאנט צו דער זון און פארט כסדר רונד ארום איר.

*

אין א וועלט וואו מיר רופן די פלאנעטן ביי די נעמען פון פרעמדע געטער - מערקורי, ווענוס, מארס, יופיטער, סאטורן - איז דאס א געלעגנהייט זיך צו דערמאנען אז אונזער אייגענע טראדיציע האט אנדערע, טיפזיניגע נעמען פאר די זעלבע הימלישע קערפערס: כוכב, נוגה, מאדים, צדק, און שבתאי.

די נעמען שפיגלען אפ נישט נאר די פיזישע אייגנשאפטן פון די פלאנעטן - זייער קאליר, גלאנץ, און באוועגונג - נאר אויך וויאזוי מ'האט דעמאלט פארשטאנען זייער השפעה אויף אונזער וועלט. זיי דערציילן א געשיכטע פון וויאזוי אונזערע חכמים האבן באטראכט דעם קאסמאס און וויאזוי זיי האבן פארשטאנען די הימלישע מערכת פון שטערנס.

ווען מיר הייבן אויף אונזערע קעפ צום הימל און קוקן אויף די אייביגע שטערנס, טוען מיר אייגנטליך נאכפאלגן די אויגן פון אונזערע אור-עלטערן וואס האבן באטראכט אט די זעלבע הימלישע ליכט און זיי געגעבן נעמען, באדייטונג, און גייסט. ■

# פאַרוואס די גענז האָבן געשריגן



יצחק באשעוויס, מיין טאטנ'ס בי"ד שטוב

אין אונזער שטוב האָט מען אַלע מאָל גערעדט וועגן דיבוקים, גלגולים, הייזער וואו עס האָבן אַרומגעשטיפט לצים, קעלערס וואו ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן נישט-גוטע. דער טאַטע האָט גערעדט דערפון, ערשטנס, צוליב דעם וואָס די זאַכן זענען אים אָנגעגאַנגען. צווייטנס, דערפאַר ווייל אין דער גרויסער שטאָט ווערן די קינדער קאַליע. מ'גייט, מ'זעט, מ'לייענט פסול'ע ביכער, און ס'שאַדט דעריבער נישט צו דערמאָנען אַז ס'זענען פאַראַן פאַרבאָרגענע כוחות.

גראָד יענעם טאָג האָט דער טאַטע דערציילט וועגן א מעשה וואָס ווערט דערמאַנט אין ספר מנחת עני. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דער מחבר געווען ר' אליהו גריידיקער, אָדער אַן אַנדער גריידיקער רב. ס'איז געווען אַ מעשה מיט אַ מויד וואָס ס'זענען אין איר געזעסן פיר רוחות. מ'האָט דורך איר בויך באַשיינפערלעך געזען ווי די רוחות קריכן אַרום אין אינגעווייד, בלאָזן אָן דעם בויך, וואַנדערן פון איין טייל בויך צום אַנדערן, רוקן זיך אַריין אין אַ פוס. דער גריידיקער רב האָט די רוחות אַרויסגעטריבן מיט שופר-בלאָזן, הייליקע שמות און רויכערן קרייטעכצער.

ווען דער טאַטע האָט גערעדט וועגן אַזוינע זאַכן, איז ער געוואָרן אינגאַנצן צעפלאַמט. ער האָט גע'טענה'ט: איז דער גריידיקער רב חלילה געווען אַ ליגנער? זענען אַלע רבנים, צדיקים, גאונים ליגנערס, און די אַפּיקורסים זענען די אמת-זאָגער? ווײַ געוואַלד, ווי קאָן מען זיין אַזוי פאַרבלענדט?

מיט אַמאָל עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ יידענע. אין אַ קויבער האָט זי געטראָגן צוויי גענז. די יידענע האָט אויסגעזען דערשראָקן. דאָס שייטל איר'ס איז געווען צעשויבערט, זי האָט געשמייכלט אַ דערשראָקענעם שמייכל. דער טאַטע האָט נישט געקוקט אויף קיין ווייבער, אָבער די מאַמע און די קינדער האָבן גלייך געזען אַז עפּעס איז די יידענע שטאַרק צעטומלט.

- וואָס איז? - האָט דער טאַטע געפרעגט און זיך אומגעקערט צו דער יידענע מיט'ן רוקן, חלילה נישט אָנצוקוקן א נקבה.

- רבי, כ'האָב עפּעס אַן אויסטערלישע שאלה.

- וואָס איז עס? אַ שאלת-נשים (אַ ווייבערשע שאלה)?

ווען די יידענע וואָלט געזאגט יאָ, וואָלט מען מיך גלייך געווען אַרויסגעשיקט פון שטוב. אָבער די יידענע האָט געענטפערט:

- ניין, ס'איז אויף די גענז.

- וואָס איז מיט די גענז?

- רבי קרוין, מ'האָט די גענז געשאָכטן. כ'האָב זיי אָפּגעשניטן די קעפּלעך. כ'האָב אַרויסגענומען די קישקעלעך, ס'לעבערל, ס'גאַנצע דרויב, אָבער די גענז שרייען עפּעס מיט אַזאַ יאָמערלעך קול - - -

דערהערט אַזוינע דיבורים, איז דער טאַטע געוואָרן בלאַס, אויף מיר איז אָנגעפאַלן אַ פּחד. מיין מוטער איז געווען א מתנגד'ישע טאָכטער און אַ סקעפּטיקערין פון דער נאַטור.

- געשאכטענע גענז שרייען נישט - האָט די מאַמע געזאָגט.

- רביצין, איר'ט באַלד עפּעס הערן!

די יידענע האָט אַרויסגענומען איין גאַנז און אַוועקגעלייגט אויפ'ן טיש. דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען די צווייטע גאַנז. די גענז זענען געווען אָן קעפּ, אָן דעם אינגעווייד, טויטע גענז ווי אַלע טויטע. אויף מיין מוטער'ס פּנים האָט זיך באַוויזן א שמייכל.

- אָט די גענז שרייען?

- איר'ט באַלד עפּעס הערן!

די יידענע האָט גענומען איין גאַנז און געטאָן א וואָרף אויף דער אַנדערער. אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ געשריי. עס איז נישט לייכט צו שילדערן דאָס געשריי, ס'איז געווען א גאָדערן פון א גאַנז, אָבער עפּעס מיט אַזאַ הויל קול, מיט אַזאַ כאָרכלעניש און רייסעניש, אַז ס'איז מיר געוואָרן קאַלט אין אַלע אברים, איך האָב ממש געשפּירט ווי די האָר פון די פּאות נעמען מיך שטעכן. איך האָב געמאכט אַ מינע ווי אַרויסצולויפן פון שטוב. אָבער וואו זאָל איך לויפן? פון שרעק איז מיר אַזש געוואָרן ענג אין האַלז. איך האָב אויך געטאָן אַ געשריי און זיך אָנגעכאַפּט אין דער מאַמע'ס פאָלע ווי אַ קינד פון דריי יאָר. דער טאַטע האָט פאַרגעסן אַז מען דאַרף זיך אָפּקערן פון אַ נקבה. ער איז צוגעלאָפן צום טיש. ער איז געווען נישט



ווייניקער דערשראָקן פון מיר. די רויטע באָרד זיינע האָט געציטערט. אין די בלויע אויגן האָט זיך באוויזן אַ געמיש פון מורא און נצחון. ס'איז געווען פאַר'ן טאַטן ווי אַ סימן אַז נישט בלויז צום גריידיקער רב, נאָר אויך צו אים ווערן צוגעשיקט צייכנס פון הימל. אָדער אפשר איז עס אַ צייכן פון דער סטרא-אחרא, די שדים?...

- רביצין, וואָס זאָגט איר איצט? - האָט די יידענע געפרעגט.

מיין מוטער האָט אויפגעהערט שמייכלען און אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס ווי אַ טרויער און אַ כעס.

- כ'פאַרשטיי נישט וואָס דאָ טוט זיך! - האָט זי געזאָגט מיט אַ סאָרט ווידערווילן.

- רביצין, איר ווילט הערן נאָכאַמאָל?

ווידער האָט די יידענע געטאָן אַ וואָרף איין גאַנז אויף דער אַנדערער, און ווידער האָבן די גענז אַרויסגעלאָזן אַן אומהיימלעך געשריי, דאָס געשריי פון בעלי-חיים וואָס דער חלף האָט זיי געטויט, אָבער עפּעס איז געבליבן אין זיי אַ כוח און עפּעס האָבן זיי אַ חשבון מיט די לעבעדיקע און אַן עוולה. ס'איז מיר געוואָרן קאַלט. איך האָב געהאט אַ געפיל ווי עמיץ וואָלט מיר דערלאַנגט אַ פּלעם מיט'ן גאַנצן כוח. דעם טאַטנ'ס קול איז געוואָרן הייזעריקלעך, ס'האָבן זיך דערין געבראָכן טרערן.

- נו, איז דאָ אַ באַשעפער? - האָט ער געפרעגט.

- רבי, וואָס טוט מען און וואו גייט מען? - האָט די יידענע גענומען רעדן מיט אַ זינגענדיק-יאָמערדיקן ניגון. - וואָס איז מיר דאָ צו האַנט געקומען? ווי און ווינד צו מיינע יאָרן! וואָס זאָל איך טאָן מיט זיי? אפשר גיין צו אַ רבי'ן? אפשר האָט מען נישט גוט געשאָכטן? אפשר זאָל איך לאָזן איבערקוקן די מזוזה? כ'האָב מורא מיט זיי אַהיימצוגיין! כ'האָב געוואָלט זיי איינווייקן און כשר מאַכן אויף שבת, און דאָ אַזאַ בראָך! רבי הייליקער, וואָס טוט מען? זענען זיי טריף? דאַרף מען זיי אַרויסוואַרפן? אפשר פאַרקויפן אַ גוי? מענטשן זאָגן, אַז מ'וועט זיי דאַרפן איינהילן אין תכריכים און באַגראָבן אין אַ קבר. כ'בין נעבעך אַן אָרעם מענטש. צוויי גענז! ס'האָט מיך געקאָסט אַן אוצר!...

דער טאַטע האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט געוואָרפן אַ קוק אויף דער ספרים-שאַנק. אויב ערגיץ איז פאַראַן אַן ענטפער, איז ער דאָרט... מיט אַמאָל האָט ער געטאָן אַ בייזן בליק אויף דער מאַמע'ן:

- וואָס זאָגסטו איצט, האַ?

מיין מוטער'ס פּנים איז געוואָרן אַלץ רוגזה'דיקער, שמעלער, שאַרפער. אַ צאָרן האָט זיך באַוויזן אין אירע אויגן און עפּעס אַזוינס ווי אַ בושה.

- כ'וואָלט געוואָלט הערן נאָכאַמאָל! - האָט זי האַלב-געבעטן, האַלב-געהייסן.

די יידענע האָט צום דריטן מאָל געטאָן אַ וואָרף די גענז און דאָס געשריי האָט זיך דערהערט צום דריטן מאָל. ס'איז מיר איינגעפאַלן אַז אַזא קול מוז האָבן אַן עגלה ערופה...

- נו-נו-נו, מ'לייקנט. ס'שטייט אַז די רשעים טוען ניש' קאַ' תשובה אַפילו ביים טויער פון גיהנום! - האָט דער טאַטע גענומען רעדן. - זיי זעען שוין מיט די אויגן, אָבער זיי לייקענען אין בורא עולם... מ'שלעפּט זיי אַריין אין שאול תחתית און זיי זאָגן אַז ס'איז אַ דרך-הטבע, אַ טראַף...

און ער האָט געטאָן אַ קוק אויף דער מאַמע'ן ווי צו זאָגן: דו ביזט געראָטן אין זיי...

אַ לאַנגע ווייל איז געווען שטיל. דערנאָך האָט די יידענע נעפרעגט:

- נו, רביצין, כ'האָב מיר אויסגעטראַכט?

מיט אַמאָל האָט די מאַמע געטאָן אַ לאַך, און געווען איז דאָס אַ לאַך וואָס האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט. איך האָב געוואוסט מיט אַ

זעקסטן חוש, אַז די מאַמע גרייט זיך קאַליע צו מאַכן די מעכטיקע דראמע וואָס שפּילט זיך דאָ אָפּ פאַר אונזערע אויגן.

- די גערגעלעך האָט איר אַרויסגענומען? - האָט מיין מוטער נעפרעגט.

- די גערגעלעך? ניין.

- נעמט אַרויס די גערגעלעך - האָט די מאַמע געזאָגט - און זיי וועלן אויפהערן שרייען.

דער טאַטע איז געוואָרן פייער און פלאַם.

- וואָס עפּעס אַרויסנעמען? וואָס האָט דאָס אַ שייכות מיט די גערגעלעך?

די מאַמע האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ גאַנז, אַריין מיט די דינע פינגער אין אינגעווייד און מיט דעם גאַנצן כוח אַרויסגעשלעפּט דאָס רערל וואָס פירט פון האַלז אַראָפּ צו די לונגלעך. אויף לשון קודש הייסט



דער אידישער שרייבער און נאבעל פרייז געווינער יצחק באשעוויס זינגער אין יאר תשכ"ט (ה' תרס"ג – תשנ"א)

דאָס דאָזיקע רערל די קנה. דורך דאָרט אָטעמט דאָס באַשעפעניש און פון דאָרט קומט אויך די שטים. באַלד האָט זי אַ כאַפּ געטאָן די צווייטע גאַנז און אויך ביי איר ווי אַרויסגעריסן מיט גוואַלד דעם גאָרגל, איך בין געשטאַנען א דערציטערטער, דערשטוינט פון מיין מוטער'ס קוראזש. די הענט זענען איר געוואָרן פאַרבלוטיקט, פון איר פּנים האָט אַראָפּגעקוקט דער גרימצאָרן פון א ראַציאָנאַליסט, וואָס מען וויל אין מיטן העלן טאָג אים אָפּשרעקן מיט אַבראַקאַדאַבראַ און האָקוס פּאָקוס. דעם טאַטנ'ס פּנים איז געוואָרן ווייס, מילד, אומעטיק. ער האָט געוואוסט וואָס דאָ געשעט: דער שכל, דער קאַלטער שכל, מאַכט צו-נישט די אמונה, לאַכט זי אויס, מאַכט זי צו שאַנד און צו שפּאָט.

- איצט, זייט מוחל, וואַרפט איין גאַנז אויף דער אַנדערער! - האָט די מאַמע באַפוילן.

אַלץ האָט געהאנגען אויף משקולת: אויב די גענז וועלן ווידער שרייען, האָט מיין מוטער געהאט אַלץ פאַרשפּילט: איר גאַנצע מתנגד'ישע תקיפות, איר גאַנצן סקעפּטיציזם, וואָס זי האָט גע'ירשנ'ט פון איר פאָטער דעם למדן, דעם מתנגד, כאָטש איך בין געווען דערשראָקן, האָב איך געבעטן גאָט אַז די גענז זאָלן יאָ שרייען... זיי זאָלן אַרויסלאָזן אַזאַ געשריי, אַז מ'זאָל הערן אין גאַס און מ'זאָל זיך צוזאַמענלויפן...

אָבער ווי! די גענז האָבן געשוויגן, אַזוי געשוויגן ווי עס קאָנען נאָר שווייגן צוויי טויטע גענז אן גאָרגלען.

- ברענג מיר אַריין אַ האַנטוך! - האָט די מאַמע געטאָן צו מיר אַ זאָג.

איך בין געלאָפן ברענגען דאָס האַנטוך. טרערן זענען מיר געשטאַנען אין די אויגן. די מאַמע האָט אָפּגעווישט די הענט אין האַנטוך ווי אַ גרויסער כירורג נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע.

- דאָס איז עס געווען! - האָט זי געזאָגט מיט נצחון.

- רבי, וואָס זאָגט איר? - האָט די יידענע געפרעגט.

דער טאַטע האָט גענומען אונטערהוסטן, אונטערברומען. ער האָט זיך גענומען פעכען מיט'ן קאַפּל.

- כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ זאַך! - האָט ער געזאָגט.

- איך אויך נישט - האָט די יידענע נאָכגעזאָגט.

- איך אויך נישט - האָט די מאַמע זיך אָנגערופן.

- אָבער ס'איז אַלע מאָל דאָ אַ סיבה... טויטע גענז שרייען נישט!

- מעג איך אַהיימגיין זיי כשר מאַכן? - האָט די יידענע געפרעגט.

- גייט אַהיים און קאָכט זיי אָפּ אָדער בראָט זיי אָפּ אויף שבת - האָט די מאַמע גע'פּסק'נט די שאלה. - האָט נישט קיין מורא, אין טאָפּ וועלן זיי נישט שרייען.

- וואָס זאָגט איר, רבי?

- נו, ס'איז כשר - האָט דער טאַטע געטאָן אַ מורמל. ער איז ווייט נישט געווען זיכער. אָבער טריף מאַכן די גענז האָט ער אויך נישט געקאָנט.

ווייל דער דין איז אויך אַ מתנגד...

די מאַמע איז צוריק אַריין אין קיך. איך בין געבליבן מיט'ן טאַטן. ער האָט מיט אַמאָל גענומען רעדן צו מיר ווי צו א דערוואַקסענעם.

- זי געראָט אַריין אין דיין זיידן, דעם בילגאָרייער רב, ער איז טאַקע אַ גאון, אָבער א קאַלטער מתנגד... מ'האָט מיר געוואָרנט איידער כ'בין געוואָרן א חתן...

און דער טאַטע האָט געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט ווי צו זאָגן: איצט קאָן מען דעם שידוך שוין נישט צוריקכאַפּן... ■



# מה ענין קוגל אצל הקאנסטיטוציע?

דורך: אלפא



מיר אלע קענען די מסורה פון ר׳ מענדעלע רימנוב׳ער אז עסן לאקשן קוגל אום שבת איז א הלכה למשה מסיני, אדער דאס ווארט פון ר׳ יענקעלע זצ״ל אז עס גייט גאר ארויף אויפ׳ן וואגשאל. אבער ווערטלעך אין א זייט געלייגט, ביי חסידים איז אנגענומען אז מאכלי שבת פארמאגן גרויסע סודות אין זיך - פון די גלגולים אין די פיש ביז די ראשי תיבות פון יויך, פון די גימטריאות אין דעם כאיל תערוג זמירות ביז צו די כוונות אין זרע קודש. ווער רעדט נאך פון דעם קוגל על כולנא, דער כעיגול, וואו דער ממלא מיט׳ן סובב זענען ביחודא שלים, און מחיית עמלק מיט׳ן מחול לצדיקים באשיינען דעם חקל תפוחין קדישין, ווי וואויל באקאנט ביינונז אין קרעטשניף...

אבער למעשה, פון וואנעט שטאמט טאקע דער קוגל מיט די הייליגע צימעס, די געפילטע מיט׳ן קאמפאט? נישט פונעם רמב״ם - דאס קענט איר זיכער זיין, און ניטאמאל פון רבינו גרשום אדער דעם מהר״ל. דאס זענען זאגאר נישט מער ווי די פארצייטישע פיצא מיט סושי דעזערטס, וואס אונזערע אשכנז׳ישע און אונגארישע באבעס האבן אויסגעטראפן, ויקרא שמם בישראל בדחילו ורחימו ״מאכלי שבת״. אקוראט ווי יואלי לעבאוויטש וויינט שוין אויף די טעיפס, אז ווען דער בעש״ט לעבט ווען היינט, וואלטן מיר די אלע כוונות אריינגעקנאטן אין דעם פאלאפל, אריינגעבאקן אין דעם הייליגן סאוער-דאו, אויסגעלייגט אויפ׳ן מיעט-באורד און געשפרענקלט אויף די אייזקריעמס. טא, וואס זענען מיר שולדיג אז די היינטיגע צדיקים זענען פארנומען מיט וויכטיגערס ווי מחדש זיין רזין - און די וואס יא, זענען נעבעך נישט גענוג פאפולער?

אזוי צי אזוי, איך גיי נישט אויסהונגערן די שבת׳דיגע תאוות און פארפייניגן די צארטע נשמה יתירה מיינע, בלויז ווייל די דורות פאלן, און איך גיי אויך נישט פארשווענדן צופיל טינט אויפ׳ן הלכה׳דיגן גדר פון קוגל היינטיגע צייטן.

וואס איז אבער מער אינטערעסאנט, איז דער סאציאלער פענאמען וואס ליגט דא באגראבן, נעמליך, די post hoc תורות וואס ווערן געבויט גג על גג אויף זאכן וואס האבן מתחילה ניטאמאל געהאט קיין זין, נאר ס׳איז פשוט געלונגען. אין אונזער פאל: די כוונות אויף עפעס אן האלעפטשע וואס א באבע האט בטעות געקאכט, און די סודות פון א פאלאטשינטא וואס איז צופעליג אויסגעפאלן שבועות.

במה דברים אמורים? געזעלשאפט איז ארומגענומען מיט זאכן וואס מיר טוען אן קיין פארשטענדליכע סיבות - מנהגים, פירונגען, און

נארמעס - וואס זיי זענען ווי דער שטאף אויף וואס ציוויליזאציע זיצט, מיט אדער אן הסברים וויאזוי זיי זענען צושטאנד געקומען. און מיט יעדן פארבייגייענדן טאג וואקסן די אנגעבנדע הסברים אלץ מער, אזש ס'קען זיך וואונדערן פארוואס פאר אדם הראשון איז עס נישט בייגעפאלן. (אפשר טאקע יא, לויט מאנכע, גיי ווייס...)

שטריימלעך, קורצע און געפעפערטע הויזן, שווארצע שטרימפ, סאמעטנע קאשקעטלעך, און פוילישע גארטלען - דאס איז לכולי עלמא נישט וויאזוי יהושע בן נון איז געגאנגען, אדער אפילו ר' מתיא בן חרש. שאול המלך איז מיט קיין קאפל נישט געגאנגען און יעקב האט נישט אויסגעזען ווי אין מרת אקער'ס מאלערייען... און מיט דעם אלעם איז נישטא קיין מאנגל אין סודות, כוונות, מסורות, און חרמות פארוואס מיר דארפן יא גיין ווי אונזערע זיידעס בעפאר אדער נאך דער קריג.

אבער אנשטאט זיך רעגן און עסן דאס געזונט אויף דעם פענאמען, וויל איך פארברייטערן דעם האריזאנט: די אינטערעסאנטע זאך איז אז דאס האט ווייניגער מיט פונדאמענטאליזם ווי דאס האט מיט מענטשליכער נאטור.

פון נאטור אויס זענען מיר איבערצייגט אז



אלעס וואס מיר טוען איז אויסגערעכנט און האט א מסודר'דיגן ראציאנאל. מיר איבערצייגן זיך אליין אז גנב'ענען איז שלעכט, מיר פרובירן צו ווערן איבערצייגט אז אונזער וועג פון לעבן איז דאס בעסטע פארהאן. מיר בויען תורות צו פארשטיין פון וואו מענטשן רעכטן שפראצן ארויס, און מיר גייען אין פייער פאר משוגעת'ן וואס זענען געבוירן געווארן נעכטן אין חלום.

פאסט-ראציאנאליזירן איז נישט קיין אידישער פענאמען בכלל, זיכער נישט קיין ברוקלינער. אז ביים איד איז עס מיט'ן וואגשאל איז עס ביים גוי מיט 'עטיקס', אז ביי דעם איז עס די קאנסטיטוציע איז עס ביי יענעם מינינג און לייף. הצד השוה שבהן אז ווען מ'קריכט אריין וואס ליגט באמת דערונטער טרעפט מען אילוזיעס, בלויזן צופאל, היסטארישע פראצעדורן, און לופטיגע געביידעס. נאר וואס? מ'קען דאך אזוי נישט לעבן, בויט מען זיך תורות און מ'אקערט זיי אריין אינעם זאמד. צומארגנס איז דאס שוין שטייפער צעמענט, און א טאג דערויף פארגעסט מען בכלל אז ס'האט אמאל נישט עקזיסטירט...

געזעצן, טראדיציעס, פילאזאפיעס, און וואס נישט - אלע זענען גג על גג פון צופעליגע געשעענישן, געבויט אויף עלטערע צופעליגע געביידעס, והכל על מקומו נבנה בשלום.

*

נאר ווי האט דער ברך משה אלץ געפרעגט, "פארוואס זאג איך עס אייך?"

און די תשובה איז, כדי איר זאלט וויסן זיך נישט צו דערשרעקן פון תורות און נארמעס, פון טראדיציעס און ראציאנאליזאציעס. זיי זענען טאקע אלע א באנדע לופטיגע פאנטאזיעס אנגעהויפנט אין א שיין קארטן-הויז, אבער איז מיט דעם אלעם ווארעם צו וואוינען דערין. און איידער איר גיבט א שטויס דערויף, האלט דאס פאלגנדע פאר די אויגן.

יעדעס קארטן-הויז האלט זיך שטארק ביז איינער כאפט זיך אז די ערד אונטער דעם איז נישט קיין פעסטער באדן - פון סאציאלע געזעצן ביז מאראלישע קאנצעפטן, פון מענטשליכע רעכטן ביז גלאבאלע אידענטיטעטן. מיר לעבן אין א וועלט פון דערציילטע מעשיות וועלכע ווערן איבערגעזאגט און איבערגע'חזר'ט ביז זיי ווערן א ניי מציאות, און דערנאך טוען מיר זיכער מאכן אז אלע צייכנס ווייזן צוריק אויף דער זעלבער געשיכטע, נאר צו ווידער באשטעטיגן זייער ווארהייט.

אין דעם זין איז א קוגל נישט אנדערש ווי א קאנסטיטוציע, און א שטריימל איז נישט אנדערש ווי א נאציאנאלע פאן: אינגאנצן צופעליג אין זייער עוואלוציע, אבער איינמאל מ'בויט דערויף נאך א גג און נאך א גג, איז שוין אוממעגליך צו דערקענען וואס דער ערשטער שטאק איז געווען.

ס'איז שווער צו לעבן אין א וועלט פון לופט-געביידעס און זיך נישט אריינלייגן אין זיי; ס'איז שווער צו קוקן אויפ'ן קוגל און נישט דערזען די קרעטשמניפער כוונות; ס'איז שווער צו באטראכטן געזעצן און זיי נישט זען אלס "נאטירליכע מאראלישע פרינציפן"; ס'איז שווער צו פראקטיצירן טראדיציעס און נישט זען קיין נצחיות דערין. אבער אפשר איז דאס גוט אזוי.

דאס אז א סיסטעם איז געבויט אויף אילוזיעס איז נישט די פראבלעם, די פראגע איז נאר צי זיי זענען גוטע אילוזיעס. ברענגען זיי אונז עפעס בעסער, אדער האלטן זיי אונז פארשלאסן? איז עס א קוגל וואס הייליגט דעם שבת, אדער א וואגשאל וואס קאנקורירט מיט זיך אליין?

אויב זענען מיר סייווי איינגעשפארט אין א מעשה, זאל עס כאטש זיין א גוטע מעשה. און אויב א קוגל, זאל עס כאטש זיין געשמאק. ■



# חודש סיון

דורך: רבקה ל.

מענטשן זענען דא פארזאמלט.
הויפנס פון מענטשן,
לאנג געשטרעקט ביז וואו דאס אויג
קען זען.

אלטע, יונגע,
מיידלער, אינגלעך,
טאטעס, מאמעס,
באבעס, זיידעס,
קליינע קינדער.
אן אלטער פריינט. מיין שכן. דאס
אינגל איך געדענק פון מיינע קינדער
יארן. די עלטערע פרוי׳ איך גריס יעדן
צופרי׳.

פיל מענטשן.
אזויפיל מענטשן.
אויסגעקליבענע מענטשן.

יעדער שטייט אוןווארט.
ס׳איז שטיל.

-ס׳איז נישט שטיל.
א קינד שרייט. א אינגל פרעגט. א
מאמע בארואיגט. א באבע וויינט.
א טאטע לייגט זיין האנט אויף זיין
אינגל׳ס מויל. א זיידע האלט זיין
פארמעגן אין די הענט.

אזויפיל מענטשן.

מ׳זאגט מיר אז איך בין געווען דארט.
מ׳זאגט מיר אז איך האב אלעס געזען.
יא, און אז איך האלט עדות דערצו.

ס׳איז אמת.
אבער איך געדענק נישט פינקטליך
וויפיל מענטשן.
יעדער זאגט עפעס אנדערש.
יעדע ציילונג צייגט אנדערש.

מיר שטייען דא און ווארטן.
מען האט אונז דא צאמגעזאמלט.
צייט שטייט און ווארט דא מיט אונז.
זי האט אויך מורא, איך מיין.

און אלעס ציטערט.
עפעס גרויס גייט געשען.
עפעס וויכטיג מוז געשען.

קיינער ווייסט נישט פינקטליך וואס.
אבער ווארטן דא מוז מען-

ווארטן דא מוז מען.

**הר סיני, ב׳תמ״ח / אונגארן, ה׳תש״ד**

כִּי שִׂפְתֵי כֹהֵן יִשְׁמְרוּ דַעַת וְתוֹרָה יְבַקְשׁוּ מִפִּיהוּ

# פרעג דעם רב



א רעגולערע קאלום פון שו"ת בעניני הלכה מיט הרה"ג
ר' **יששכר כ"ץ** ראש מחלקת התלמוד בישיבת חובבי תורה

צו פרעגן א שאלה פון הרב כ"ץ שיקט אן אימעיל צו: chvalyes1+asktherav@gmail.com

## שאלה:

שלום וברכה כבוד הרב,

איך בין ליידער שטארק צוגעבונדן צו וועיפן עלעקטראנישע ציגארעטן, און שבת קודש ציט עס מיר זייער שטארק. איך וואלט געוואלט פרעגן אויב איז פאראן א פאל ווען עס איז מותר על פי הלכה צו וועיפן אום שבת אדער כאטש יום טוב שני של גלויות?

## תשובה:

קודם כל, כדי צו ענטפערן די שאלה, אט איז א דיאגראם וויאזוי דער וועיפ ארבעט:

An **electronic cigarette** (**e-cigarette**), or **vape**, is a device that simulates smoking. It consists of an atomizer, a power source such as a battery, and a container such as a cartridge or tank. Instead of smoke, the user inhales vapor. As such, using an e-cigarette is often called "vaping".

The atomizer is a heating element that vaporizes a liquid solution called e-liquid that cools into an aerosol of tiny droplets, vapor and air. The vapor mainly comprises propylene glycol and/or glycerin, usually with nicotine and flavoring. Its exact composition varies, and depends on matters such as user behavior. E-cigarettes are activated by taking a puff or pressing a button. Some look like traditional cigarettes, and most kinds are reusable.



- **Low Temperatures (e.g., 320-356°F or 160-180°C):** May produce a smoother, more flavorful vapor with a gentler throat hit.
- **Medium Temperatures (e.g., 356-392°F or 180-200°C):** Provide a balance between flavor and intensity, often considered a medium dose.
- **High Temperatures (e.g., above 392°F or 200°C):** Can produce a more intense high and a potentially harsher throat hit.

לויט דער אינפארמאציע וועגן דעם מאשינדל (אריינציען אקטיוויזירט אן אטאמייזער וועלכער הייצט אן דעם דזשוס צו לפחות 320–356 פארנהייט) — דארף מען דן זיין וועגן די פאלגנדע איסורים: מבעיר, מבשל, און מוליד.

**מבעיר** — אנצינדן א פייער: איז נישט שייך דא, ווייל ס'איז נישט דא קיין פייער בכלל.

**מבשל** — קאכן: איז יא שייך, ווייל דער אטאמייזער הייצט דעם זאפט הכער דעם שיעור פון 'יד סולדת בו'. אבער, וויבאלד ס'איז נישט דורך פייער ממש, איז עס נאר אסור מדרבנן, מדין תולדות חמה.

**מוליד** — באשאפן עפעס ניי: לכאורה איז דאס אויך שייך, מחמת צוויי טעמים: 1) יעדעס מאל מען ציט אריין אקטיוויזירט מען די באטעריע וואס "באשאפט" א נייעם עלעקטראנישן שטראם. 2) אריינציען "באשאפט" פרישן רויך.

פון דער אנדערער זייט זענען דא וואס האלטן אז מוליד איז בכלל נישט שייך דא, מחמת צוויי סיבות:

עטליכע פוסקים טענה'ן אז דער שטראם עקזיסטירט א גאנצע צייט אין דער באטעריע בכוח, אריינציען ברענגט עס נאר ארויס בפועל, ממילא איז עס נישט מוליד ממש, ווייל גארנישט ניי ווערט באשאפן.

סיי דער שטראם און סיי דער רויך זענען דברים שאין בהם ממש, וואס לויט עטליכע פוסקים איז נישט שייך אויף דעם דער איסור פון מוליד.

**למסקנא:**

שבת איז עס זיכער אסור משום בישול — מדרבנן.

יום טוב איז אביסל קאמפליצירט. בישול איז לכאורה נישט קיין פראבלעם, ווייל בישול אום יום טוב איז מותר לצורך אוכל נפש, און מתוך שהותרה לצורך הותרה נמי שלא לצורך, אבער מוליד בלייבט א פראבלעם, ווייל דאס איז אסור אויך אום יום טוב.

און אפילו בנוגע בישול איז עס אויך נישט אזוי פשוט, ווייל אפילו בדרך כלל איז בישול מותר, פונדעסטוועגן איז דא א גרויס מחלוקת הפוסקים אויב 'מתוך' איז גילטיג לגבי רייכרן.

אשר על כן, לענ"ד, איז שווער צו פסק'ענען להיתרא, סיי לגבי שבת און סיי לגבי יום טוב.

אויסער דעם שפיר איך נישט באקוועם צו לגמרי איגנארירן דעם ענין פון מראית עין. רובא דרובא פונעם המון עם פארשטייט נישט דעם מעכאניזם פונעם מאשינדל, ממילא, פאר דעם דורכשניטליכן פארשוין קען עס אויסקוקן ווי חילול שבת דאורייתא ממש.

זעקסטער קאפיטל

# מיסטעריעזע קמיעות

דורך: **הרב פנחס אליעזר הלוי דונר**
איבערגעזעצט אויף אידיש דורך: **אפענער**



**די געשיכטע ביז אהער:** טראץ דעם וואס דער פאלשער משיח שבתי צבי האט זיך גע'שמד'ט צו איסלאם אין ה'תכ"ו, און איז געשטארבן אין ה'תל"ו, האבן געהיימע געזעלשאפטן פון שבתאים וועלכע האבן נאכאלץ געגלויבט אין זיין משיח'יש שליחות געבליט אין קהילות איבער גאנץ אייראפע. זיי זענען געבליבן אקטיוו ביז טיף אין אכצנטן יארהונדערט.

איין בארימטער רב וואס איז אריינגעפאלן אין חשד איז געווען ר' יונתן אייבשיץ, וועמענ'ס נאמען איז ארויפגעקומען בשעת א קאמפיין אויסצוראטן שבתאים אין ה'תפ"ה. כאטש ער האט דעמאלט סוקסעספול אפגעווארפן די באשולדיגונגען, ווען מען האט אים באשטימט אלס הויפט-רב פון דער בארימטער טריפל-קהילה מיט פינף און צוואנציג יאר שפעטער, זענען די באשולדיגונגען צוריקגעקומען.

ר' יעקב עמדין האט אונטערזוכט קמיעות וואס ר' יונתן האט געגעבן פאר שוואנגערדיגע פרויען, און האט אנטדעקט וואס ער האט געגלויבט צו זיין רמזים אויף שבתי צבי. די זאך איז שנעל פארוואנדלט געווארן אין א פולשטענדיג מחלוקת, און די קהילה האט זיך צעטיילט אין גרופעס. מען האט ר' יעקב געהאלטן אונטער הויז-ארעסט און אים געזאגט אז ער וועט מוזן פארלאזן די שטאט ביז זעקס חדשים. קורץ דערנאך האבן אויסגעבראכן געוואלדטאטן צווישן די שטיצער פון ר' יונתן און די שטיצער פון ר' יעקב, און ר' יעקב האט באשלאסן צו אנטלויפן קיין אמסטערדאם ביז זאכן וועלן זיך בארואיגן.

ר' יעקב איז אנגעקומען קיין אמסטערדאם פיזיש קראנק און גייסטיג דערשלאגן - א רעזולטאט פון חדשים פון איינשפארונג, זיין געהיימען אוועקפארן און דערנאך א שווערע רייזע. ר' יעקב'ס שוועסטער און איר מאן האבן געטון וואס זיי האבן געקענט צו פארבעסערן זיין גייסט און זיין געזונט, און אין די וואכן וואס האבן נאכגעפאלגט האט זיך זיין שטארקייט ביסלעכווייז פארבעסערט, און אזוי אויך זיין שטימונג. גארנדיג צוריקצובאקומען זיין רעפוטאציע און דאס רעכט זיך צוריקצוקערן אהיים, האט ער פארשטאנען אז דער איינציגער וועג וויאזוי ער קען דאס טון איז אויב ער ווייזט אויף אז זיינע חשדות זענען געווען ריכטיג, און אז דער וועג וויאזוי מען האט זיך מיט אים באגאנגען פאר'ן ארויפברענגען די חשדות איז א שאנדע.

יעצט ווען ער האט געקענט קלארער טראכטן, איז ר' יעקב געקומען צו דער מיינונג אז עס זענען דא נאר צוויי סיבות פארוואס אזויפיל מענטשן שטיצן ר' יונתן און האלטן נאכאלץ מיט אים: אדער איז דאס א געהיימע שבתאי'שע קאנספיראציע צו באשיצן זייער פירער פאר יעדן פרייז, אדער אז ר' יונתן איז אזוי בא'חנ'ט און כאריזמאטיש

אז ער קען פארפירן מענטשן צו גלויבן אז די באשולדיגונגען זענען פאלש. ביידע אפציעס זענען געווען העכסט געפערליך, ווייל זיי האבן ערלויבט שבתאי'ש אפיקורסות אריינצוקריכן אין מעינסטרים אידישן לעבן אן קיין שום קאנטראל. דער דריטער אלטערנאטיוו, נעמליך אז ר' יונתן איז אומשולדיג, האט ר' יעקב אפגעווארפן אלס נאאיווע האפענונגען פון מענטשן וואס האבן ערלויבט זייער רעספעקט פאר רבנים אונטערצוגראבן זייער סקעפטישן טראכטן, און זיי האבן פשוט נישט פארשטאנען אז א שולדיגער מענטש קען אפט איבערצייגנד זיך פארשטעלן אלס אומשולדיג.

אבער צי האט ר' יעקב געקענט סוקסעספול באקעמפן די מעכטיגע כוחות וואס זענען געשטאנען קעגן אים? ר' יונתנ'ס איינפלוס איז געווען ברייט און טיף, ספעציעל אין דער טריפל-קהילה וואו האט ער אויסגעזען אומבאזיגליך. נאכ'ן טראכטן וועגן זיינע אפציעס האט ר' יעקב באשלאסן אז צו געווינען דעם קאמף וועט ער מוזן טון פונקט דאס פארקערטע פון וואס ער האט אריגינעל פארגעשלאגן מיט חדשים צוריק. ווען ער איז צום ערשטן מאל באגעגנט געווארן מיט די ראיות פון די קמיעות האט ער אויסגעוועלט א צוריקגעהאלטענעם, ציווילן צוגאנג, מיט דער הנחה אז דאס

וועט פירן צו א שטילער לייזונג - אפשר ר' יונתנ'ס דיסקרעטע רעזיגנירונג - און א מינימום פון נעגאטיווע רעאקציעס. אבער יענע סטראטעגיע איז שרעקליך דורכגעפאלן, און עס איז געווען קלאר אז די כוחות וואס זענען געטריי צו ר' יונתן וועלן גרינג צעדריקן אזא ווייכע אפאזיציע. דעריבער האט ר' יעקב באשלאסן אז דער איינציגער וועג צו באזיגן די שטארקע פארטיידיגונג וועט זיין צו ניצן אט די זעלבע שטארקייט, און צו פאראפענטליכן אלעס נעגאטיוו וואס מען ווייסט וועגן ר' יונתן ווי ברייט מעגליך. אזוי אז די אויבנדערמאנטע פאזיציע זאל ווערן אוממעגליך צו האלטן, און קיין שום רעכט-דענקיגער מענטש זאל אים מער נישט קענען שטיצן.

אין אמסטערדאם האט ר' יעקב נישט מורא געהאט פון קיין קאנסעקוועצן, און האט ער זיך געשפירט פריי צו זאגן און שרייבן וואס ער וויל. ער האט געשיקט בריוו צו אלע רבנים וואס ער האט געקענט, פארצייכענענדיג אין לעבעדיגע דעטאלן יעדע שטיקל אינפארמאציע וואס מען האט אים אמאל דערציילט וועגן ר' יונתן וואס דעקט אויף די טונקעלע זייט פון א מענטש וואס איז ברייט געגלויבט צו זיין ערליך און אן קיין פלעק. דער ציל איז געווען פשוט: אראפצוברענגען זיין קעגנער און איניגאנצן רואינירן זיין רעפוטאציע. ער

האט אים גערופן א ליגנער, א זינדיגער, אן אפיקורס, א פאלשער, צושטעלנדיג יעדעס מאל דערציילונגען צו שטיצן די באשולדיגונגען. די מסקנא איז געווען אז ר' יונתן איז קלאר נישט דער סארט מענטש צו פירן א קהילה אדער לערנען מיט יונגע בחורים. די קעגן-אטאקע האט זיך אנגעהויבן.

אין דער זעלבער צייט האבן זיך אנגעהויבן צוויי אנדערע וויכטיגע אנטוויקלונגען, איינס אין מעץ, ר' יונתנ'ס פריערדיגע וואוין-שטאט, און די צווייטע אין פראנקפורט. אין מעץ איז ר' יונתנ'ס נאכפאלגער אלס הויפט-רב, ר' שמואל הילמאן, געווען איינער פון די וואס האבן באקומען ר' יעקב'ס פארצווייפלטע בקשה פאר הילף. דער בריוו פון ר' יעקב איז נישט געקומען ווי אן איבערראשונג פאר רב הילמאן, וועלכער האט שוין לאנג חושד געווען די קמיעות וואס זיין פארגייער האט אויסגעטיילט נאך איידער ער האט אים ערזעצט אין מעץ. אין זיין ענטפער צו ר' יעקב'ס בריוו, דאטירט פאר כ"ו שבט תקי"א, האט ער געשריבן אז ער האט באשלאסן קורץ נאך זיין אנקומען צו קאנפיסקירן אלע פון ר' יונתנ'ס קמיעות און פארבאטן זייער באנוץ דורך סיי וועמען אין דער קהילה. ער האט אויך אנגעבאטן צו שיקן עטליכע נאטאריזירטע קאפיעס

פון די קמיעות אין מעץ צו דער פירערשאפט פון דער טריפל-קהילה, מיט דעם פארשלאג אז זיי זאלן אריבעררופן ר׳ יונתן אן אים ווארענען פון פריער, אזוי אז זיי זאלן קענען פארלאנגען אן ערקלערונג פאר די קלארע שבתאי׳שע רמזים אין די קמיעות אן אים געבן גענוג צייט אויפצוקומען מיט א קינצליכן באדייט וואס זאל זיי ערקלערן.

׳נאַטאַרן׳ זענען געווען א טייל פון אידישן קהילה לעבן אין יענע טעג, און מען קען זיי מער פינקטליך באצייכענען אלס געריכט רעקארדירער וואס האבן געטריי פארצייכנט אלע פארהאנדלונגען ביי זיצונגען פון דער באלעבאטישער פירערשאפט און רבנים אין אן אפיציעל רעקארד-בוך וואס מען האט שפעטער געקענט ניצן פאר רעפערענץ אויב נויטיג. אין דער שטאט מעץ זענען די צוויי קהילה נאטארן געווען יצחק קאבלענץ און מרדכי גומפריך, און אום כ׳ אדר תקי״א האבן זיי פארזיכטיג קאפירט דעם אינהאלט פון פינף באזונדערע קמיעות וואס זענען געשריבן געווארן דורך ר׳ יונתן און געגעבן געווארן צו פארשידענע מענטשן אין באזונדערע געלעגנהייטן. קאבלענץ און גומפריך האבן דאן צוגעלייגט זייערע אונטערשריפטן צו א דערקלערונג וואס האט געלויטעט: ״די פינף קמיעות



די נאטאריזירטע קאפיעס פון די מעץ קמיעות ווי זיי זענען ערשינען אין ר׳ יעקב עמדינ׳ס ספר ״שפת אמת ולשון זהורית״. א לעצטיגע אנטדעקונג פון די אריגינעלע נאטאריזירטע דאקומענטן האט באשטעטיגט זיין ווערסיע, כאטש ווען דער ספר איז ערשינען אין תקי״ב האט מען דעם באוויז באשמוצט און אפגעווארפן.



כוואליטעס

זענען קאפירט געווארן ווארט ביי ווארט, אות ביי אות, שורה ביי שורה - פונקט ווי זיי זענען ערשינען אין די אריגינעלע קמיעות וואס זענען באקומען געווארן דורך פינף באזונדערע מענטשן פון ר' יונתן אייבשיץ וועלכער איז געווען אונזער הויפט-רב און איז יעצט דער הויפט-רב פון האמבורג." ארום א יאר שפעטער, אום כ"ט חשון תקי"ב, האבן די צוויי נאטארן נאכאמאל באשטעטיגט זייער אריגינעלן נאטאריזירטן דאקומענט, דאס מאל פאר א לאקאלן קריסטליכן ריכטער - עפעס וואס האט געגעבן זייער נאטאריזאציע אפיציעלע לעגיטימיטעט אין א גוי'איש געריכט.

ביידע נאטארן זענען געווען באקאנט אלס טיף איבערגעגעבן צו ר' יונתן, און קיינער האט זיי נישט געקענט באשולדיגן און זיין אנגעהעצט קעגן אים, אדער אין וועלן פארדרייען די נאטאריזירטע קאפיעס כדי צו שטעלן ר' יונתן אין א שלעכטער ליכט. שפעטער האט ר' יונתן באשולדיגט זיינע שונאים אין "צווינגען" די נאטארן אונטערצושרייבן די דערקלערונג קעגן זייער ווילן, זאגנדיג בעצם אז די קמיעות זענען געווארן דירעקט איבערגעמאכט, און די נאטארן זענען באדראעט געווארן מיט'ן פארלירן זייערע פאזיציעס אויב וועלן זיי נישט נאטאריזירן די פארענדערטע ווערסיעס.

די נאטארן אליין האבן אפגעווארפן די טענה, און עס איז קלאר פון ר' יונתנ'ס שפעטערדיגע פרואוון אז אפילו ער האט באטראכט די מעץ קאפיעס אלס מיינסטנס ריכטיג. אינצווישן זענען די קמיעות, וועלכע האבן אלע געשיינט אנצודייטן אויף א קלארער שבתאי'שער אבסעסיע פון זייער מחבר, ברייט פארשפרייט געווארן דורך רב הילמאן, און אינערהאלב עטליכע וואכן, ווען רבנים און פירער איבער דער אידישער וועלט האבן זיך באגעגנט מיט די ראיות, האט מען מער נישט געקענט אפווארפן די באשולדיגונגען קעגן ר' יונתן אלס דער בלויזער פארדרוס פון א קריגערישן קאנקורענט פאר דער פאזיציע פון הויפט-רב אין דער טריפל-קהילה. פארקערט, די ראיות האבן יעצט געשיינט אנצודייטן אז ר' יעקב איז געווען גערעכט די גאנצע צייט.

אט דער קלארער באווייז האט געשפילט א וויכטיגע ראלע אין דער צווייטער אנטוויקלונג וואס האט זיך אנגעהויבן אויסשפילן אומגעפער די זעלבע צייט, אן אנטוויקלונג וואס איז געווען פיל מער באדייטנד ווי בלויז עטליכע נאטאריזירטע קמיעות.

נאכדעם וואס ער איז געבליבן שטיל פאר צוויי חדשים טראץ דער פארצווייפלטער בקשה פון ר' יעקב פאר זיין שטיצע, האט ר' יעקב יהושע פאלק, דער פני יהושע, דער חשוב'ער הויפט-רב פון פראנקפורט און עלטערער שטאטסמאן אין דעם אייראפעאישן רבנות, ענדליך אנגעהויבן געבן זיין שטיצע צו דער וואקסנדער גרופע מענטשן וואס האבן געשפירט אז ר' יונתן האט פיל וואס צו דערקלערן. אום ד' ניסן תקי"א, נישט וויסנדיג אז רב הילמאן האט שוין נאטאריזירט טייל פון די מעץ קמיעות, האט דער פני יהושע אים געשריבן מיט ראט אז סיי וועלכע קמיעות רעפראדוקציעס זאלן ווערן באגלייט מיט אומצווייידייטיגע ראיות אז זיי זענען עכטע קאפיעס פון די אריגינעלע, אנדערש "וועלן מיטגלידער פון ר' יונתנ'ס קהילה וואס זענען אים געטריי, טענה'ן אז זיינע שונאים ניצן געפעלשטע קמיעות אים צו אונטערברענגען צוליב קנאה". דער פני יהושע האט צוגעלייגט: "איך האב נישט קיין שום ספק אז ר' יונתן איז שולדיג אין די קלאגעס, עפעס וואס מאכט אייער אויפגאבע נאך מער דרינגענד."

דער פני יהושע איז געווען א קלוגער, ערפארענער קהילה-רב. ער האט געוואוסט אז אפילו אויב ר' יונתן איז שולדיג, איז נישטא קיין שום וועג אז די טריפל-קהילה וועט אים אפזאגן פון זיין פאזיציע, ווייל דאס וואלט געמיינט איינזען אין זייער שטארקן דורכפאל - סוף כל סוף

האבן זיי אים אריינגעוועלט ערשט דאס פאראנגאנגענע יאר, טראץ דער נישט-אזוי-געהיימער אינפארמאציע אז זייער נייער רב איז נחשד געווארן אין אפיקורסות מיט פינף און צוואנציג יאר בעפאר. דער איינציגער וועג צו לייזן די פראבלעם איז געווען אויב דער מענטש אליין וואלט געצוואונגען געווארן מודה צו זיין אין די באשולדיגונגען, און דאן עפנטליך געצוואונגען ווערן חרטה צו האבן. ביי דעם שטאפל האט דער פני יהושע געשפירט אז ר' יעקב'ס סטראטעגיע פון אינגאנצן דיסקרעדיטירן ר' יונתן וועט קיינמאל נישט זיין אפעקטיוו אלס א מיטל צו איבערצייגן די מענטשן וואס האבן געלייקנט אין ר' יונתנ'ס שולד, און די סטראטעגיע איז זיכער נישט געווען רעלעוואנט פאר די וואס האבן עס שוין געגלייבט.

צום ערשט האט דער פני יהושע אפעלירט צו ר' יונתן דורך שליחים זיך צו פארבונדן מיט אים. ווען דאס האט נישט אויסגערופן קיין רעאקציע, האט דער פני יהושע פארעפנטליכט א בריוו רופנדיג אז די זאך זאל ווערן אויסגע'פסק'נט דורך דריי רבנים, כאטש ער האט נישט דערמאנט ר' יונתן ביים נאמען. נאכאמאל האט ר' יונתן נישט רעאגירט. דער פני יהושע האט דאן געשריבן א בריוו דירעקט צו ר' יונתן, דערמאנענדיג



דער אריגינעלער נאטאר דאקומענט פון מעץ וועלכער פארצייכנט דעם פינקטליכן לשון פון די קאנטראווערסיעלע קמיעות, ווי איבערגעדרוקט אין א לעצטיגן ארטיקל דורך הרב פראפעסאר שניאור לייכמאן און דר. שמעון שווארצפוקס. ר' יונתן האט שפעטער גע'טענה'ט אז מען האט געצוואונגען די נאטארן אונטערצושרייבן דעם דאקומענט קעגן זייער ווילן.

אים צו טון דאס ריכטיגע. ווען אפילו דאס האט נישט באקומען קיין רעאקציע, איז דער פני יהושע געגאנגען עפנטליך מיט יענעם בריוו, מיט דער האפענונג אז די באקאנטשאפט פון זיין פארגעשלאגענער לייזונג וועט צווינגען ר' יונתן אנצונעמען זיין פארשלאג.

ווען די פארעפנטליכע ווערסיע איז אנגעקומען צו ר' יונתן איז ער געווען זייער אויפגערעגט. ער האט פראטעסטירט אז ער האט קיינמאל נישט באקומען

דעם אריגינעלן בריוו, און האט זיך שטארק קעגנגעשטעלט דעם פני יהושע'ס רמזים אז ער איז שולדיג אין אפיקורסות. און דאס מאל האט ער באשלאסן צו ענטפערן. ער האט זיך אראפגעזעצט און געשריבן א לאנגן, ברוגז'דיגן ענטפער צו זיין קעגנער, אין וועלכן ער האט צווישן אנדערע אוועקגעמאכט זיין בארימטע ווערק, פני יהושע, אלס "פול מיט טעותים". דער בריוו האט אויך ארויסגערופן דעם פני יהושע צו א קבלה פארמעסט, פארזיכערנדיג אז אזא פארמעסט וועט נאר אויפווייזן אז ר' יונתן ווייסט פיל מער וועגן דעם לימוד ווי דער פני יהושע. דער בריוו האט אפילו באשולדיגט דעם פני יהושע אז ער האט געהאט א שנאה צו ר' יונתן פאר פיל יארן, וואס מאכט אים אן אומפאסיגן פערזאן צו פארשלאגן סיי וועלכע לייזונג צו מסדר זיין דעם ענין.

ווען ר' יונתן האט געענדיגט שרייבן דעם בריוו, און נאכ'ן טראכטן, האט ער באשלאסן עס נישט צו שיקן, און אנשטאט דעם עס געלאזט אויף זיין שרייב-טיש. דאס האט געפירט צו שלעכטס. ווען ר' יונתן איז נישט דארט געווען האבן עטליכע פון זיינע תלמידים זיך אריינגעשלייכט אין רב'ס צימער און איבערגעשריבן דעם בריוו ווארט ביי ווארט אן אים זאגן, און דאן עס אנגעהויבן צו פארשפרייטן ווייט און ברייט.

עס איז נאר געווען א פראגע פון צייט ביז א קאפיע דערפון האט געטראפן איר וועג צום פני יהושע, וואס איז ווי פארשטענדליך געווארן זייער אויפגעברויזט. דער פני יהושע האט אנגעהויבן שטארק פארלאנגען אז ר' יונתן זאל זיך שטעלן פאר א פאנעל פון רבנים, אבער זיינע רופן זענען געפאלן אויף טויבע אויערן. ר' יונתנ'ס שטיצע אין דער טריפל-קהילה איז נאך אלץ געווען שטארק. אפילו אין דעם פני יהושע'ס אייגענער קהילה אין פראנקפורט, האט די פירערשאפט אנגעהויבן מיד ווערן פון זייער הויפט-רב'ס אריינמישונג אין דער קאנטראווערסיע, און נישט לאנג דערנאך איז ער ארויסגעצוואונגען געווארן פון זיין פאזיציע - דער צווייטער הויפט-קרבן פון דעם עמדין-אייבשיץ מחלוקת נאך ר' יעקב.

כאטש ר' יונתן האט זיך געשפירט פארזיכערט, איז קלאר געווארן אז די קמיעות זענען א ברענענדיגער נושא, און דעריבער האט ער באשלאסן צו זוכן עקספערטן וואס וועלן שטיצן זיין ווערסיע פון וואס זיי באדייטן. די צוויי עקספערטן וואס ער האט אויסגעוועלט זענען געווען ר' שמואל אסינגן פון מינסטער, א פריינט פון רב הילמאן פון מעץ, און ר' אליהו אוליאנוב, אן עלטערער מקובל וואס האט פארברענגט א תקופה אינעם הויז פון ר' אריה לייב פון אמסטערדאם, ר' יעקב'ס שוואגער. די צוויי רבנים זענען פארזיכטיג אויסגעקליבן געווארן אויפצואווייזן ווי אפילו פריינט פון זיינע שונאים זענען גרייט געווען צו שטיצן זיין ווערסיע פון וואס די קמיעות אנטהאלטן, אנשטאט דער ווערסיע וואס זיינע שונאים האבן פארגעשלאגן. און אזוי האבן זיי טאקע געטון, ביידע האבן דערקלערט אז ר' יונתנ'ס קמיעות זענען אינגאנצן גוט, פריי פון סיי וועלכע שבתאי'שע רמזים. רב אוליאנוב האט אפילו פארגעשלאגן אז דאס פארבאטן דעם באנוץ פון די קמיעות איז העכסט מסוכן, באשולדיגנדיג ר' יונתנ'ס קעגנער אין צוברענגען אז די וואס דארפן די קמיעות זאלן זיי נישט ניצן.

ר' יעקב איז נישט געווען באאיינדרוקט. גייענדיג אויפ'ן מהלך וואס ער האט געניצט אין באצוג צו סיי וועלכן שטיצער פון ר' יונתן, האט ער באשולדיגט ביידע עקספערטן אין זיין שלעכטע מענטשן און שוחד-נעמער וואס האבן ערלויבט געלט זיי צו באאיינפלוסן. רב אסינגן, האט ער געזאגט, איז איינער וואס פארדינט געלט פון פאלשן כישוף פארמאסקירט ווי קבלה, בעת רב אוליאנוב איז א מאראל-לאזער שיכור. אינצווישן איז ר' יעקב נישט געזעסן ליידיג. ער האט געשריבן צענדליגער בריוו צו רבנים אין דייטשלאנד און פוילן, זיי אינפארמירנדיג וועגן

ר׳ יונתנ׳ס זינד און פרובירנדיג זיי איבערצייגן אז זיי זאלן אים מחרים זיין און פארלאנגען אז די טריפל-קהילה זאלן אים באלד אפזאגן פון זיין פאזיציע. ניצנדיג די נאטאריזירטע קמיעות פון מעץ אלס באווייז פון זיין פארדארבנקייט און פאלשקייט, האט ר׳ יעקב צוגעלייגט פילצאליגע אנדערע באשולדיגונגען און טענות צו פארשטערקערן זיין קעיס קעגן ר׳ יונתן.

״מיט מיינע אייגענע אויגן האב איך געזען ווי ער האט ארויסגעווארפן א תלמיד וואס איז געפארן א לאנגע שטרעקע צו לערנען אין זיין ישיבה אין האמבורג, פשוט ווייל ער איז געווען ארעם און האט נישט געקענט באצאלן. איינער האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער עסט ווערעמדיגע פרוכט און ער האט געלאכט, ענטפערנדיג, ׳ווערעם און באשעפענישן האבן נישט קיין שליטה איבער מיר, אלזא ווער קימערט זיך?׳ זיינע שלעכטע מעשים אין פראג קענען אנפילן א גאנצן ספר, און אלע זיינע נאכפאלגער זענען די זעלבע... מאראל-לאזע, זינדיגע מענטשן וואס פרייען זיך מיט זינדיגן קעגן דעם אייבערשטן!״

ביי דעם פונקט איז די אידישע וועלט געווען טיף צעטיילט אין צוויי לאגערן: די וואס האבן געגלייבט די באשולדיגונגען קעגן ר׳ יונתן און זענען געווען אנטוישט אז א מענטש מיט אזא טיפן פעלער קען בלייבן אין א פירערשאפט פאזיציע; און די וואס האבן נישט געקענט אננעמען אז א רב אזוי גרויס ווי ר׳ יונתן זאל קענען זיין א גלויביגער אין דעם לאנג-פארשטארבענעם שבתי צבי און אין דער לעכערליכער מיסטישער סיסטעם פארשפרייט דורך זיינע נאכפאלגער. אין אמת׳ן האט ר׳ יעקב׳ס פארשפרייטער שארפער בריוו נישט געהאלפן די מערכה קעגן ר׳ יונתן. פארקערט גאר, די וואס האבן זיי געגליינט און וואלטן וואן געקענט זיין סימפאטיש צו א מערכה קעגן ר׳ יונתן באזירט נאר אויף די קמיעות, האבן אבער אפגעווארפן סיי וועלכע באוויזן איינמאל זיי האבן געליינט די באשולדיגונגען פון שרעקליכע זינד צוזאמען מיט לעכערליכע טענות אז ר׳ יונתן איז אן אומוויסנדער נאר.

מיט די קאנטראווערסיע ברענענדיג אין פולן קראפט אין דער אידישער וועלט, איז נישט געווען קיין איבערראשונג אז די גוי׳אישע וועלט איז אויך אריינגעצויגן געווארן דערין. ווי שפעטער אין יאר זענען די פעלער פון עפנטליכער אומארדענונג געשטיגן אין האמבורג און אלטאנא, וואו וויכוחים האבן זיך דערקייקלט צו פיזישע געשלעגן צווישן שטיצער פון ר׳ יעקב און שטיצער פון ר׳ יונתן. איין געשלעג, אום כ״ד כסליו תקי״ב, איז פארגעקומען בשעת א לויה אין בית-עולם, און האט רעזולטירט אין א געריכטס איינלאדונג פאר ר׳ יונתן. אום י׳ טבת האט אויסגעבראכן א גוואלדטאטיג געשלעג אין דער האמבורגער בערזע. אלע געשלעגן זענען געווען א רעזולטאט פון דער ביטערקייט פון ר׳ יעקב׳ס שטיצער וועגן דעם ערפאלג פון ר׳ יונתנ׳ס שטיצער אין פארשווייגן און באשטראפן יעדן וואס האט אויסגעדריקט סיי וועלכע צווייפלען וועגן דעם הויפט-רב, אדער ווער עס האט אויסגעדריקט סיי וועלכע אינטערעסע אין באקומען קלארקייט אויף סיי וועלכן אספעקט פון דער קאנטראווערסיע.

אין הערבסט פון תקי״ב איז די דאזיגע פיינטשאפט געקומען צו דער אויפמערקזאמקייט פון דעם יונגן קעניג פון דענמארק, פרידריך דער פינפטער, וועמענ׳ס קעניגרייך האט אריינגענומען אלטאנא, וואו ר׳ יעקב האט געהאט זיין הויז און האט געוואוינט פאר פיל יארן איידער ער איז אנטלאפן. א מענטש מיט׳ן נאמען מרדכי שמואל העקשיר, וועלכער איז געווען א מיטגליד אין דער טריפל-קהילה פארוואלטונג, האט געשריבן א בריוו צו זיין ברודער אין ברנזוויק, אין וועלכן ער האט אויסגעדריקט צווייפל וועגן ר׳ יונתנ׳ס ערליכקייט, און אויך געפרעגט פארוואס קיין גרויסע דייטשע רבני׳שע פירער האבן נישט עפנטליך געשטיצט דעם הויפט-רב. אבער איידער דער בריוו האט דערגרייכט זיין

ברודער איז עס אויפגעכאפט און געלינט געווארן דורך ר׳ יונתנ׳ס שטיצער, וועלכע האבן באשלאסן צו באשטראפן דעם שרייבער. העקשיר איז אויף א דערנידעריקטן אופן אראפגעזעצט געווארן פון דער פארוואלטונג און פארטריבן געווארן פון אלטאנא.

ער האט באלד אפעלירט צום קעניג פרידריך, און כאטש דער האמבורגער שטאט-ראט האט נישט געהאט קיין ווארט אין זיין ארויסטרייבונג פון אלטאנא, ווייל עס איז געווען אן אנדער יוריסדיקציע, האבן זיי אויף געפאדערט אז העקשיר זאל צוריק ארייגענומען ווערן אין אלטאנא, אז נישט וואלטן זיינע קעגנער מער נישט געקענט טון געשעפטן אין זייער שטאט. דער היפטע אנדרייער אין דער העקשיר ארויסטרייבונג, אליהו אפענהיים, איז געצוואונגען געווארן צו ערשיינען פאר די האמבורגער אויטאריטעטן פאר זיין ראלע אין דער פרשה, און נאכ׳ן ארויפלייגן אויף אים א שווערן שטראף איז ער באפוילן געווארן צו פרעזענטירן א ליסטע פון אלע וואס האבן זיך פארמאל אנגעשלאסן אין דער פרא-ר׳ יונתן פראקציע אין אלטאנא. אפענהיים האט אפעלירט צו די אלטאנא אויטאריטעטן פאר הילף אבער זיי האבן זיך געשטעלט אויף העקשיר׳ס זייט, און העקשיר איז צוריק ארייגענומען געווארן אין אלטאנא.

מיט דעם סוקסעס אין האנט האבן ר׳ יעקב׳ס שטיצער יעצט געפארערט די מיינונג אז די גוי׳אישע אויטאריטעטן קענען זיין דער מיטל דורך וועלכן זיי וועלן דערגרייכן ר׳ יונתן׳ס אפזאגונג פון אמט. קודם האבן זיי אפעלירט צום האמבורגער שטאט-ראט, טענה׳נדיג אז ר׳ יונתן האט איבערגעטראטן זיינע לעגאלע רעכטן מיט׳ן ארויפלייגן שטראף-מיטלען אויף זיינע קעגנער. ווען דער פרואוו האט נישט באקומען קיין שטיצע, איז אן ענליכער קעיס געברענגט געווארן צום קעניגליכן הויף אין קאפענהאגן, דענמארק, וואו ביידע פראקציעס האבן פרעזענטירט באווייזן צום קעניג פרידריך אליין. במשך די פראצעדורן איז דער קעניג אויך אינפארמירט געווארן וועגן ר׳ יעקב׳ס ארויסטרייבונג פון אלטאנא פריער אין יאר, און זיין אנגייענדן גלות אין אמסטערדאם.

נאך א ביטערן שלאכט ביים קעניגליכן הויף האט דער קעניג באשלאסן אז ר׳ יעקב קען זיך צוריקקערן אהיים קיין אלטאנא און זאל ערלויבט ווערן צו אפערירן זיין דרוקעריי. דער הויף האט אויך באשלאסן אז העקשיר זאל צוריקגעשטעלט ווערן אלס מיטגליד פון דער טריפל-קהילה פארוואלטונג. אין צוגאב דערצו איז ר׳ יונתן באפוילן געווארן פערזענליך צו ערשיינען פאר׳ן קעניג, צו ערקלערן זיינע פרואוון איבערצוטרעטן זיין אויטאריטעט, און אויך די באשולדיגונגען פון אפיקורסות קעגן אים. עס האט אויסגעזען ווי די רעדער האבן זיך ענדליך געדרייט, טראץ וואס אנשטאט די קאנטראווערסיע זאל געלייזט ווערן דורך אידישע פירער וועט זיך עס מוזן אויסשפילן אין א נישט-אידישן געריכט-זאל.

**אין קומענדיגן קאפיטל: ר׳ יעקב קערט זיך צוריק אהיים און ר׳ יונתן ערשיינט פאר׳ן קעניג מיט א אידישן משומד אלס פארטיידיגער. מיט די קהילה אין פולשטענדיגן כאאס האט א נייער שפילער אריינגעטראטן: ר׳ יחזקאל לאנדא, מחבר פון ׳נודע ביהודה׳. קורצזשפול האט ער פרובירט דורכצופירן א פשרה לייזונג צווישן די קריגנדע פראקציעס אין א פרואוו צו שליכטן דעם געפעכט איינמאל פאר אלעמאל.** ■

דער ארטיקל איז געשריבן געווארן אריגינעל אין ענגליש דורך הרב פנחס אליעזר הלוי דונר
און איז געווארן איבערגעזעצט אויף אידיש דורך "אפענער" אויף "קרעמל".
הרב דונר איז דער רב אין קהל יאנג איזראעל אין נארט בעווערלי הילס קאליפארניע, און איז א באקאנטער היסטאריקער און באגאבטער רעדנער.
הרב דונר׳ס וועבסייט: https://rabbidunner.com
מען קען זיך פארבינדן מיט׳ן רב אויף דעם פאלגנדן אימעיל אדרעס: pinidunner@gmail.com אויך קען מען אים נאכפאלגן אויף אלע סאציאלע מידיא.

הגליון הזה מוקדש לעילוי נשמת

# מרן רבינו יואל בן חנניה
# יום טוב ליפא זצוק"ל

נתנדב ע"י

**@Reb Yid**

פון "קרעמל"

מען קען קויפן הנצחות, אדווערטייזמענטס, און באשטייערן קלענערע נדבות אויף דעם פאלגנדן לינק:

**https://ko-fi.com/chvalyes**

**הנצחה פרייזן:**

**גאנצע** אויסגאבע מיט פולן הנצחה בלאט: $500

**האלבע** אויסגאבע מיט האלבן הנצחה בלאט: $250

**פערטל** אויסגאבע מיט פערטל הנצחה בלאט: $125

אויב איר ווילט בלייבן **אנאנים** ביים שענקען א נדבה, ביטע ניצט די **קרעדיט קארד אפציע** און לייגט אריין אן אנאנימען נאמען און אימעיל אדרעס (אויב ניצט איר די PayPal אפציע וועלן מיר קענען זען דעם נאמען פון דעם PayPal אקאונט).


אריגינעלער אידישער אינהאלט

כוואליעס

סקען דעם QR קאוד פאר אלע "כוואליעס" לינקס, אריינגערעכנט דעם קא-פי נדבות לינק: